Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראָשען | היינט 10 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 44 | Łódź, Niedziela 21 lutego 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג, י"ד אדר א' תרצ"ב | № 44

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

וויכטיג נייעס פאר'ן לאדזער לעזע-פובליקום!

די ערשטע מאדערניסטישע לייה-ביבליאטעק אין פוילען, וואס איז איינגעארדענט לויט'ן אויסלענדישען מוסטער א. ג.

„PALATYN"

פעטריקאווער 89, טעל. 223-38

דערמיט טיילען מיר מיט, אז די טעג ווערט ערעפענט די ביבליאטעק וועט בעזיצען דעם גרעסטען אויסוואהל פון ביכער פון די נייעסטע שאפונגען אין די שפראכען: פויליש, דייטש, פראנצויזיש, יודיש און העברעאיש. גלייכצייטיג וועט זיך געפונען א בעזונדערע ביכער-אפטיילונג פאר שילער, יוגענד און קינדער.

אין ווארטע-זאל וועלען זיך געפינען צייטונגען און זשורנאלען פון דער גאנצער וועלט.

1137

דער טערמין וועגען דער ערעפנונג וועט בעזונדערס מיטגעטיילט ווערען.

במערקונג: די ביבליאטעק געפינט זיך אונטער דער לייטונג פון רוטיניערטע פאכמענער.

נאך קורצע שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אין עלטער פון 67 יאהר אונזער ליבע מוטער, שוויגער-מוטער, גרויסמוטער, שוועסטער און מאנטע

נ. ע. שרה אשת מנחם מענדיל ז"ל קראר

(געבוירענע שימשע)

די לויה קומט פאר היינט, זונטאג, י"ד אדר א' תרצ"ב (21 פעברואר 1932)

1 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז פראנציסקאנער 17. וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע

הוי נפלה עטרת ראשנו!

אחרי מחלה קצרה וכבדה מתה בליל ש"ק בשנת 81 לימי חי' אמנו האהובה והיקרה, חותנתנו, זקנתנו, אחותנו, גיסתנו ודודתנו

נ. ע. צביה גרינבערג

אשת ר' צבי מאיר הלוי ז"ל (מבית פרענקעל)

הלויה תהיה היום, יום א', י"ד לחודש אדר א' תרצ"ב (21 פעברואר 1932)

בשעה 12 בצהרים מבית האבל פיעטריקאווער 120.

השרויים בצער עמוק משפחתה המתאבלת 1131

מאשין-מצות

ווערט געבאקען אלע טאג פרישע און דינע, ווי אויך מצה-מעהל, אייער-פערפעל און סובארהעם לויט קארלסבאדער סיסטעם

מיר עמפפעהלען צו יעדער צייט אונזערע גוט-בעקאנטע און פרישע געבעקסען פון אונזער איבערא-בעוואוסטער צוקערניע

ב. וויינבערג

38 פעטריקאווער 38

טעל. 82=143

פאר מאגענליידנדע

ראבארבער-ווין

פעפסין-ווין

אין פרימא קוואליטעט

צו בעקומען אין דער ווייןהאנדלונג פון

E. SZYKIER

Północna 1, tel. 107-84

נאך קורצע שווערע ליידען איז דאנערשטאג דעם 18-טען פעברואר 1932 געשטארבען און דעמזעלבען טאג צו קבורה געקומען מיין ליבע פרוי, אונזער טייערע און אונפערגעסליכע מוטער און גרויסמוטער

נ"ע חנה גאלדה פוקס

אשת ר' משה נ"י

(פון נאוואמיעסקא 26)

אין עלטער פון 57 יאהר

וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער די אין טיפען טרויער פערבליבענע

מאן, קינדער און פאמיליע 1113

ברית הציונים הרביזיונים בלודז

אל. קאשטשושקי 21 זאל „הזמיר" אל. קאשטשושקי 21

מארגען, מאנטאג, דעם 22 פעברואר, 8.30 אווענד וועט האלטען

ד"ר וואלפגאנג פאן ווייזעל

מיטגליד פון ציוניסטישען אקציאנס-קאמיטעט א רעפעראט א. ד. ט.

„אראבישע מלוכה צי א יודיש ארץ-ישראל"

בילעטען בייםאיינגאנג 1136 בילעטען ביים איינגאנג.

Zaginione zostały 3 blanco weksle: 2 po 300 zł. i weksel na zł. 100.— wyst. Leopold Himel, na zlec. Frydrych Hanisz Weksle unieważnia się. Zwrócić takowe do: Frydrych Hanisz, wieś Bukowiec, gm. Dobra, pow. Brzez

1118

Po długich i ciężkich cierpieniach rozstał się z tym światem przeżywszy lat 39

B. P. Doktór medycyny

Józef Karpelowicz

Wyprowadzenie drogich mi zwłok nastąpi dziś, w niedzielę, dnia 21-go lutego 1932 r., o godz. 2 ej popoł. z domu przedpogrzebowego na cmentarzu żydowskim.

1121 Zrozpaczony brat.

א בשורה טובה פאר אלע מנגנים!

א וואונדער-קינד פון אונזער שטאדט לאדז!

היינט, זונטאג, דעם 21-טען פעברואר פינקטליך 6 א זייגער וועט אין בערלינער זאל, זאכאדניא 26 דאווענען א מעריב מיט א כאר

דאס 9-יעהריגע וואונדער-קינד

ליזערל פרידמאן

1133 וועלכער וועט פערשאפען גרויס פערגעניגען אלע צוהערער.

דער כאר געפינט זיך אונטער דער לייטונג פון זיין רבי'ן דעם דיריגענט און קאמפאזיטאר לייב סאקאלאווסקי.

בילעטען צו בעקומען קאנסטאנטינער 57 ביי ווינער, אין ווארשעווער נעשעפט קאנסטאנטינער 37, ביי דיאמאנט נאוואמיעסקא 24 און אין טאג פון דאווענען ביי דער קאסע פון זאל.

1134

בעמערקונג: צוליב'ן קריזיס זענען די פרייזען פערקלענערט אויף 1 זל.

עס ווערט געזוכט א קוואליפיצירטער

נייהער

ביים קאמאשען-שטעפער ענגלישער, שרוד-מיעסקא 8.

Samochody

i motocykle używane. Kupno, sprzedaż, komis zamiana.

Auto-Agencja

Gdańska 82 tel. 189-28

יודישער מאגאזין-שניידער-מייסטער פעראיין

פאמארסקא 53

נעכטען שבת-צונאכט ד. 20 פעברואר איז פארגעקומען א גרויסע פערזאמלונג פון גאנצען דאמען-מאגאזין-פאך אין אייגענעם לאקאל פאמארסקא 53 איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע, אז עס ווערט גערופען

א פראטעסט-שטרייק אויף היינט, זונטאג, ד. 21 פעברואר געגען די מאגאזינערס פאר זייער נישט טאקטיש האנדלען לגבי אונזערע מיטגלידער.

גלייכצייטיג ווערט גערופען אויף היינט, זונטאג 5 אזייגער אווענט

א פערזאמלונג

פון גאנצען פאך

מיט אכטונג די פאך-קאמיסיע

Dr. Z. Rakowski

ספעציאליסט פאר אויערן, נאז, האלז. לונגען-קראנקהייטן און

11-טען ליסטאפאד 9

טעלעפאן 127-81

נעמט אן פון 12—2 און פון 5—7. אין זונ- און יום-טובֿ פון 10—11

Dr. med. H. KRAUSKOPF

אקושעריע און פרויען-קראנקהייטען

זגערזשער 15, טעל. 113-47

נעמט אן פון 4 ביז 7 אויפנד 1117

„לינת הצדק", לאדז, ציגעלניאנא 17.

פיזיקאליש טעראפישער קאבינעט

איז טעטיג טעגליך פון 11—1 מיטאג און פון 4 ביז 6 אווענד געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון א דאקטאר ספעציאליסט.

קווארץ-לאמפ, די. טערמיע, סאלוקס, עלעקטרישע בעדער.

237

אכטונג, צייטונגס-פערקויפער!

די פערוואלטונג מאכט בעקאנט אלע איהרע מיטגלידער, אז אזוי ווי מיר האבען ערהאלטען א מעלדונג פון די ביידע קאנטארען, אז פון היינט אן ד"ה פון 21 פעברואר וועלען געריסען ווערען פון ראבאט 3 פראצענט פון צייטונגען: היינט, נייעס, מאמענט און ראדיא, דעריבער געפינען מיר פאר נויטיג אייך צו מעלדען וועגען דעם, און יעדער צייטונג-פערקויפער קען האנדלען מיט זיין פערשטאנד געגען דעם אויבענדערמאנטען. די פערוואלטונג האט נישט אקצעפטירט.

מיט אכטונג די פערוואלטונג

צו דער פערלאבונג פון מיין פריינד

הערמאן סענדעראוויטש

מיט פרל. מאניא כאראווסקא

ווינשען פיל גליק און צופרידענהייט

1115 הערמאן בעטציג און פרוי

פענלעווע האט נישט געבילדעט

דעם נייעם פראנצויזישען קאבינעט

טארדיע שאפט די רעגירונג

פאריז, 20 (ספ. טעל.)) די בעמיהונגען פון פענלעווע צו שאפען א קאאליציע־קאבינעט האבען זיך פערענדיגט אהן א רעזולטאט. 2 ביינאכט האט נאך פענלעווע קאנפערירט מיט די פארשטעהער פון פערשידענע פארטייען. היינט 8 פריה, נאך א שלאפלאזע נאכט, האט פענלעווע אויפגעזוכט די פארשטעהער פון דער פרעסע, וועלכע ער האט געמאלדען, אז איהם איז נישט געלונגען צו דערגרייכען זיין ציל.

געגען פענלעווען זענען ארויסגעטרעטען די פארשטעהער פון די רעכטע קלובען, הויפטזעכליך צוליב דער טעקע פון אינערן־מיניסטער, בעת די ביינאכטיגע געשפרעכען מיט טארדיען און לאוואלען האט פענלעווע זיי געגעבען אויסצוקלויבען, וועלכע טעקע זיי ווילען נאר, חוץ דער טעקע פון אינערן מיניסטער. דערויף האט טארדיע געענטפערט, אז די טעקע פון אינערן־מיניסטעריום געהער צו דער פארלאמענט־מעהרהייט.

פענלעווע האט וועגען דאזיגען בעדינג פון די רעכטע איבערגעגעבען די לינקע גרופען פון פארלאמענט; זיי זענען אבער ענטשידען געגען דעם ארויסגעטראטען און דערקלערט, אז אויב דאס אינערן־מיניסטעריום וועט איבערגעגעבען ווערען אין די הענד פון די רעכטע גרופירונגען, וועט פענלעווע נישט קאנען רעכענען אויף זייער אונטערשטיצונג.

פענלעווע האט דעריבער אפגעווארפען דעם געדאנק וועגען בילדען א קאאליציע־קאבינעט צוזאמען מיט די רעכטע גרופירונגען און גענומען ארבייטען אויף צו שאפען א צענטראלער־קאבינעט. אבער דא האט ער זיך אנגעטראפען אויף א שטארקען ווידערשטאנד מצד דער פארלאמענט־מעהרהייט, וועלכע האט איהם געגעבען צו וויסען, אז אויף דער ערשטער זיצונג פון פארלאמענט וועט אויסגעדריקט ווערען אונצופרידענהייט אזא קאבינעט.

אין די פארלאמענט־קולואר'ען האלט מען, אז דער קריזיס וועט זיך פערשלעפען; דער נייער קאבינעט וועט דארפען זיין א וואהל־קאבינעט, ער וועט דארפען דורכפיהרען די נייע וואהלען צום פארלאמענט און דא איז די ראל פון אינערן־מיניסטער זעהר א גרויסע, יעדע גרופירונג וויל אויף אזא אופן האבען דעם אינערן־מיניסטער פון איהר ריכטונג, און דאס איז איצט נישט אזוי לייכט צו דערגרייכען.

פאריז, 20 (ספ. טעל.)) טארדיע האט איבערגענומען די מיסיע צו שאפען דעם קאבינעט.

לעא מאצקין אויף די זיצונגען פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין לאנדאן

לאנדאן, 20 (יט"א טעלעגראפיש).

ס'האבען זיך אנגעהויבען די בעראטונגען פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע וועגען פארשלאג פון דעם עקזעקוטיוו־מיטגליד עמנואל נוימאן. לויט נוימאנ'ס פארשלאג, איז צו די בעראטונגען איינגעלאדען געווארען דער פארזיצער פון ציוניסטישען קאנגרעס לעא מאצקין. אזוי ווי מאצקין געפינט זיך גראד אין לאנדאן, בעטייליגט ער זיך שוין אין די בעראטונגען.

דאקומענטען וועגען דער יודיש־אראבישער קאנפערענץ

ווערען בעהאנדעלט אויף די זיצונגען פון אראבישען עקזעקוטיוו

ירושלים, 20 (יט"א טעלעגראפיש).

ס'האבען זיך אנגעהויבען די זיצונגען פון דער אראבישער עקזעקוטיווע. צוו. אנד. וועט בעהאנדעלט ווערען די דאקומענטען וועגען דער מפלו־מרשטער יודיש־אראבישער קאנפערענץ ביים יונדען טיש. די אראבישע עקזעקוטיווע גרייט צו אן ערקלערונג, אין וועלכער זי שטעלט פעסט, אז איהר איז גארנישט בעוואוסט וועגען א פארשלאג פון דעם ארט.

די ענגלישע רעגירונג און די א"י־רעגירונג

וויסען נישט פון קיין יודיש־אראבישער קאנפערענץ

ירושלים, 20 (יט"א טעלעגראפיש).

ד"ר ארלאזאראוו האט ערקלערט פאר פרעסע־פארשטעהער, אז איהם איז בעוואוסט, אז נישט די ענגלישע רעגירונג און נישט די ארץ־ישראל־רעגירונג ווייסען עפעס וועגען א יודיש־אראבישער קאנפערענץ ביים רונדיגען טיש.

אמעריקאנער וויצע־פרעזידענט

— עהרען־פארזיצער פון פרא־פאלעסטינא־קאמיטעט

לאנדאן, 20 (יט"א טעלעגראפיש).

דער מיטגליד פון דער ציוג. עקזעקוטיווע — עמנואל נוימאן האט איבערגעגעבן דער יט"א, אז ער האט בעקומען א טעלעגראפישע מעלדונג פון וואשינגטאן, אז דער אמעריקאנער וויצע־פרעזידענט קורטיס, און דער פארזיצער ביי דער אויסערן־קאמיסיע ביים סענאט, סענאטאר בארא, האבען איבערגענומען דעם עהרען־פארזיץ פון פרא־פאלעסטינער קאמיטעט. דער דריטער עהרען־פארזיצער וועט זיין א פארשטעהער פון די דעמאקראטען.

ווייטערדיגע רעדוקציע אין מלוכה־ביודזשעט

ערקלעהרונג פון פינאנץ־מיניסטער יאן פילסודסקי

ווארשא, 20 (טעלעפאניש). ... האט די בודזשעט־קאמיסיע פון סענאט פערענדיגט די דעבאטע וועגען בודזשעט. א גאנצע רייה סענאטארען האבען דערביי געהאלטען רעדעס וועגען קריזיס, דער פ.פ.ס.'אישער מענאטאר גראס (וועלכער איז אן אנהענגער פון אינפלאציע)) האט אנגעוויזען, אז ער איז איצט שוין מעהר ... איינדאם מיט זיין פאדערונג וועגען פערגרעסערען דעם געלד־אומלויף, אט האט אמעריקע איצט זיך אויך געלאזט אויף דעם וועג און דייטשלאנד געהט איהר נאכטון.

מיט א לענגערע רעדע איז צום סוף ארויסגעטרעטען מיניסטער יאן פילסודסקי. זיין רעדע האט געהאט איינציגע פשוט־טעכנישע־פינאנציעלע ערטער. ער האט געזאגט, אז די רעגירונג איז ביז־איצט נישט געקו...ן מיט קיין נייע פארשלאגען, הגם עס איז איצט שוין קלאר, אז די מלוכה־הכנסות וועלען הייאהר זיין קלענער מיט 23 פראצענט. די רעגירונג האט נאך געוואלט אפווארטען, איצט איז קלאר, אז מען וועט ווידער מוזען מאכען נייע רעדוקציעס, נישט ווילענדיג פערקלענערען די לויבען פון די מלוכה־בעאמטע, איז די רעגירונג געצוואונגען צו שניידען די פענסיעס פון די עמעריטען און אינוואלידען. די רעגירונג וועט טאקע קומען איינגיכען מיט אזא פארשלאג, וואס וועט איינבריינגען עטליכע צעהנדליג מיליאן זל. וואס ס'איז שייך אינפלאציע (ארויסלאזען פאפירען־געלד)), קען פוילען זיך דאס איצט דערווייל נישט דערלויבען, מען דארף פריהער אפווארטען און זעהן וואסערע רעזולטאטען די דאזיגע פאליטיק וועט ברענגען אין אמעריקע און דייטשלאנד.

דאס מיסברויכען מיט דעם גערודער פון דער פאמיליע

איז דאס נישט געברויכען צוקער אין די מאכלים

א זארגפעלטיג, געשמאק און היגיעניש עסען — איז א קארדינאלער בעדינג און דער יסוד פון געזונד. ——

א ביסעלע צוקער, צוגעגעבען בעת'ן קאכען צו כמעט אלע מאכלים, געמיזען, גרינע ארבים, ארבים, מייערן, שפינאק, קאלאפיארען, קארטאפעל, קרויט און פאמידארען, צו פליישיגע מאכלים, פיש, קלים־קעלעך, קאשעס, זופען פון האבערפלאקען, זאויערע זופען, גיט צו יעדען איינציגען פון די מאכלים איהר אמת'ן געשמאק, דערהויבענדיג דאדורך איהרע נאהרונגס־קראפט.

— די בעסטע צוריכטונג איז —

א ביסעלע זאלץ —
א ביסעלע צוקער

בלוטיגע געשעהענישען אויף מיאדאווע־גאס אין ווארשא

ווארשא, 20 (טעלעפאניש) אויף מיאדאווא 25 געפינט זיך א פאך־שולע פאר געענדיגטע שילער פון די פאלקס־שולען, דארט לערנט מען דאס שלאסער פאך. נאך די לעקציעס יעדען אווענד פרובען די שילער פון דער דאזיגער שולע אביסעל פרעהליך צו מאכען איבער די יודען וואס זיי טרעפען אין גאס, פריטאג אין אווענד זענען די קריסטליכע שילער ארויסגעהענדיג פון דער שול ווידער בעפאלען יודען זיי געשלאגען, געריסען ביי די בערד און אזוי ווייטער.

גראד אין פרייטאג אווענד פארגעקומען א פערזאמלונג פון יודישע שילער פון קרינסקי'ס גימנאזיע, וועלכע געפינט זיך אויך אויף מיאדאווא גאס, ארויסגעהענדיג פון דער פערזאמלונג זענען די יודישע גימנאזיסטען אויך בעפאלען געווארען דורך די שילער פון; דער פאך־שולע די יודישע שילער האבען געשטעלט א ווידערשטאנד און ס'איז פארגעקומען א בלוטיג געשלעג. דער פאליציאנט פון עק מיאדאווא און סענאטארסקא האט געוואלט ליקווידירען דאס געשלעג און פערהאלטען איינעם פון די אנפאלער, ער האט אבער ארויסגעכאפט ביים פאליציאנט דעם באגנעט און שטעכען, דער פאליציאנט האט נאכגעשאסען און דעם בחור' איינגעלייגט א טויטען. דאס איז דער 16־יעהריגער סטעפאן פלאטשיק פון כמיעלנא 2.

אין צוזאמענהאנג מיט די דאזיגע געשעהענישען זענען עטליכע יודען צושלאגען געווארען.

• • •

די אנטיסעמיטישע פרעסע האט אנגעהויבען אין שייכות מיט די געשעהענישען אויף מיאדאווער גאס א געוואלדיגע העצע געגען יודען, די „גאזעטא ווארשאווסקא" איז צוליב אזא העץ־ארטיקעל נעכטען קאנפיסקירט געווארען.

א יוד פערמשפט אויף 3 יאהר טורמע

פאר געגענשטעלען זיך בעת די אנטי־יודישע עקסצעסען אין ווילנא

ווילנא, 20 (טעלעפאניש) נעכטען איז דא פארגעקומען דער פראצעס פון זלמן רובין, וועלכער איז בעשולדיגט געווארען לויט'ן ארטיקעל 122 פאר שלאגען דעם פוילישען סטודענט ראזאנאוויטש דעם 9 נאוועמבער 1931 בעת די אנטי־יודישע עקסצעסען. א פאליציאנט האט עדות געזאגט, אז רובין האט דעם סטודענט געשטיקט.

רובין האט זיך מודה געווען, אז ער האט טאקי דעם סטודענט געשלאגען, ווייל ער איז געווען געוואלטיג אויפגערעגט, זעהענדיג ווי דער סטודענט איז בעפאלען א יודישע פרוי.

רובין איז פערמשפט געווארען צו דריי יאהר שווערע טורמע.

דער שטרייק אין די קוילען־גרובען

צום שטרייק זאלען צושטעהען אויך די אויבערשלעזישע גרובען

סאסנאוויץ, 20 (ספ. טעל.) דער שטרייק אין קוילען־ראיאן איז אין פולען גאנג. די צאהל שטרייקענדע בעטרעפט העכער 30 טויזענד. אלע גרובען שטעהען. ס'ווערט געארבייט בלויז אין די קליינע גרובען, וואס געהערען נישט צום פעראיין. די פעראיינערונג ביי די שטרייקענדע איז גרויס. כאראקטעריסטיש איז, וואס די פרויען פון די ארבייטער פיהרען א הייסע אגיטאציע פארן שטרייק. מהגות'וויז שטעהען זיי ביי די אריינגענג אין די גרובען און דערלויבען קיינעם נישט ארונטערגעהען צו דער ארבייט.

אין גאנצען שטרייק־ראיאן הערשט רוה. אויף מארגען זונטאג ווערען צונויפגערופען גרויסע מאסען־מיטינגען פון די שטרייקענדיגע.

בענדין, 20 (ספ. טעל.)) די אינטערווענץ פון בענדינער סטאראסטע, וועלכער האט פערארדנעט צו בעזייטיגען די ארבייטער־דעלעגאטען פון די גרובען־קאמיטעטען, האט ארויסגערופען א שטארקע אונצופרידענקייט צווישען די ארבייטער. אין די קוילען־גרובען „פאריזש" און „רעדען" דערלויבט מען נישט די דעלעגאטען צו קאמוניקירען זיך מיט די ארבייטער.

דעריבער האט דער סעקרעטאר פון צענטראלען בערג־ארבייטער־פעראיין אינטערוועירט ביים סטאראסטע און דערקלערט, אז אויב די פאליציי וועט ווייטער שטערען די דעלעגאטען צו שטעהען אין קאנטאקט מיט די ארבייטער, וועט דער צענטראלער בערג־ארבייטער־פעראיין אראפנעהמען פון זיך יעדע אחריות פאר'ן ווייטערדיגען גאנג פון שטרייק.

קאטאוויץ, 20 (ספ. טעל.)) די אנפיהרער פונ'ם שטרייק אין דאמבראווער ראיאן האבען זיך געווענדעט צום קוילען־ארבייטער פעראיין אין שלעזישען ראיאן וועגען צושטעהן צום שטרייק.

קאטאוויץ, 20 (ספ. טעל.) די אנגעשטעלטע אין דער אויבערשלעזישער קוילען־אינדוסטרי זענען גענויגט צו שאפען א געמיינזאמען פראנט מיט די ארבייטער. אין דער הינזיכט איז אנגענומען געווארען א בעשלוס אויף דער קאנפערענץ פון די גייסטיגע ארבייטער, וואס איז איצט פארגעקומען אין קאטאוויץ.

יודיש טעאטער אין „פילהארמאניע"

דירעקציע: ד. צעלמייסטער און א. בעוזמאן.

היינט, זונטאג, 9 אווענד לטובת דער געזעלשאפט „בית יתומים", זגערזשער 40

גאסט־אויפטריטען פון דעם שענסטען אמעריקאנער בוף־קאמיקער

דזשעק רעכטצייט

אין דער גרויסער שלאגער־אפערעטע

יאנקעלע כוואט

20 שלאגער־נומערן איינער שענער פון 2־טען

אין 3 אקטען פון ס. וואלף. מוזיק־רעזשי: דזשעק רעכטצייט

מיט דעם אנטייל פון דער גוט־בעקאנטער ארטיסטין־זינגערין **לוכבד זילבערג.**

די פריהער געקויפטע בילעטען זענען גילטיג.

מארגן, מאנטאג, 9 אוו. מיט דזשעק רעכטצייט צום 5.מאל „יאנקעלע כוואט"

דינסטאג ווערט נישט געשפילט.

גענעראל=אנגריף פון יאפאנישן מיליטער

200 עראפלאנען באמבארדירען די כינעזישע פאזיציעס

כינא אפגעווארפען דעם יאפאנישען אולטימאטום

לאנדאן, 20 (ספ. טעל.) שבת 7 פריה לויט דער כינעזישער צייט האט זיך געענדיגט דער טערמין פון יאפאנישען אולטימאטום צו כינע. די יאפאנער מאכען איילינע צוגרייטונגען צו א נייער דעצידירטער אטאקע. אין דער מארגענדיגער אטאקע וועלען אנטייל נעמען 18000 יאפאנישע זעלנער.

19 כינעזישע ארמיי-אפטיילונגען האבען אנגעהויבען א פייער אויף די יאפאנישע קריגס-שיפען ביי שאנכאי.

דער יאפאנישער קרייצער „אידזומא", וועלכער האט געאנקערט נישט ווייט פון יאפאנישען קאנסולאט צוזאמען מיט אנדערע יאפאנישע קריגס-שיפען, האט בעדייטענד געליטען. גלייכצייטיג האט דאס באמבארדירען געמאכט גרויסע שאדענס אין האפען וופא און ביי די יאפאנישע מאטראזען-אפטיילונגען.

די יאפאנישע ארטילעריע האט באלד אפגע-ענטפערט די כינעזער אויך מיט א געדיכט פייער. די גאנצע שטאט, וועלכע האט זיך געפונען אונ-טער'ן פייער, האט די נאכט איבערגעלעבט אין גרויס שרעק.

שאנכאי, 20 (ספ. טעל.) היינט אין דער פריה האבען די כינעזער געשיקט אנ'ענטפער אויפן יאפאנישען אולטימאטום, אז זיי ווארפען איהם אפ און פאדערען, אז יאפאן זאל וואס שנעלער פער-לאזען שאנכאי.

לאנדאן, 20 (ספ. טעל.) צוליב דעם וואס כינא האט אפגעווארפען דעם יאפאנישען אולטימאטום האט די יאפאנישע מיליטער-אנפיה-רונג ארויסגעגעבען א בעפעהל צו א גענעראל-אנ-גריף אויף די כינעזישע פאזיציעס.

די מלחמה-טעטיגקייט האט זיך אנגעהויבען מיט ארטילעריע-פייער און פון באמבארדירונג פון כינעזישער פירטעל אין שאנכאי—שא-פער דורך 10 עראפלאנען.

דער יאפאנישער אנגריף האט זיך כסדר ענטוויקעלט, באלד דערויף האבען זיך אויפגעהויבן אין דער לופט 130 יאפאנישע קאמפס-עראפלאנען און 60 אויסשפירונגס-עראפלאנען און ס'האט זיך אנגעהויבען א געוואלדיגע באמבארדירונג פון שאנכאי.

נאך א שעה ארבייט פון די עראפלאנען, איז די יאפאנישע פיעכאטע ארויס אין שטורם און פערנומען די בנינים פון די כינעזישע ספארט, פעראיינען, וועלכע זענען פעריסען פערטיידיגט געווארען דורך דער כינעזישער אקא עמישער לעגיע.

די יאפאנער טרעפען אן אויף א שטארקען ווידערשטאנד. גענעראל טשא-טין-קא האט ערקלערט פאר ענגלישע זשורנאליסטען, אז ער האט נישט קיין מורא פאר דער יאפאנישער אפענזיווע.

לאנדאן, 20 (ספ. טעל.) די יאפאנישע מיליטערישע הויפט-אנפיהרונג האט פערעפענט-ליכט א קאמוניקאט, אז די יאפאנישע אפענסיווע געהט פאראויס מיט ערפאלג.

אין דער ערשטער ליניע קעמפען 13,000 יאפאנישע זעלנער.

וויטערדיגע מוראדיגע שלאכטן הינטער שאנכאי

לאנדאן, 20 (ספ. טעל.) 12 בייטאג. די קאמפען הינטער שאנכאי זענען אין פולען גאנג, די יאפאנער האבען זיך נישט געריכט אויף אזא פערביסענעם ווידערשטאנד מצד די כינעזער.

10 אינדערפריה האט די יאפאנישע פיעכאטע מיט טאנקען געשטורמט דעם פארט טשאנג-וואן. די יאפאנער האבען זיך ארייגעריסען אין פארט, די זענען אבער נאך א שעה צייט פון דארט צוריק ארויסגעשטויסען געווארען.

די יאפאנישע פיעכאטע האט געהאט זעהר גרויסע פערלוסטען. פון ביידע זייטען זענען ביים פארט געפאלען 200 מענשען.

1 בייטאג האבען זיך די יאפאנער ווידער אריינ געריסען אין פארט. די שלאכטען דויערען.

פאניק אין נאנקין

לאנדאן, 20 (ספ. טעל.) אין נאנקין הערשט די איבערצייגונג, אז די יאפאנער וועלען מארשירען קיין נאנקין גלייך נאכדעם, ווי זיי וועלען פערנעה-מען שאנכאי. אין נאנקין הערשט א געוואלדיגע פאניק.

די קאנסולען פון אמעריקא און ענגלאנד האבען מיטגעטיילט זייערע בירגער, אז זיי זאלען זיך גרייטען צו עוואקואירען די שטאט.

טראנספארטן קריגס=מאטעריאל פון אייראפא

סאלין, 20 (ספ. טעל.) לויט ידיעות פון דער סאוויעטישער פרעסע, שיקט אייראפא ארויס גרויסע טראנספארטען מלחמה-מאטעריאלען אויפ'ן ווייטען מזרח, די דייטשע און ענגלישע פאבריקען, זענען לויט דער סאוויעטישער פרעסע, כפרוואר-פען מיט געוועהר און אמוניציע פאר יאפאן.

נעכטען האבען פון לאנדאן געזעגלט אפגעשיקט שיפען מיט קריגס-מאטעריאל.

די פעלקער=ליגע איז הילפלאז

ספעציעלע זיצונג — דעם 3 מערץ

גענף, 20 (ספ. טעל.) אין דער פעלקער-ליגע הערשט א געדריקטע שטימונג, צוליב דער הילפסלאזיגקייט בנוגע דעם קאנפליקט אויפ'ן ווייטען מזרח. דער ראט פון דער פעלקער-ליגע איז צונויפגערופען געווארען אויף אנ'אויסערגעוועהנליכער זיצונג אויף דעם 3. מערץ, וועלכע וועט זיך פערנעהמען ספעציעל מיט'ן כינעזיש-יאפאנישען קאנפליקט.

2000 טויטע

שאנכאי, 20 (ספ. טעל.) דאס יאפאנישע מיליטער האט אפגענומען ביי די כינעזער דעם פארט קיאנג-וואנג. די פערלוסטען פון ביידע זייטען בעטרעפען 2000 טויטע און 7000 פערוואונדעטע.

פראקלאמירט די מאנדזשורער רעפובליק

געוו. כינעזישער קייזער—פרעזידענט פון דער נייער רעפובליק

מוקדען, 20 (ספ. טעל.) די נייע מאנד-זשורישע רעפובליק, וואס איז איצט פראקלאמירט געווארען דורך די כינעזישע יאפאניש-פריינטליכע גענעראלען, רייסט איבער אינגאנצען דעם קאנ-טאקט צווישען מאנדזשוריע און כינע. די נייע רעפובליק נעמט ארום א שטח פון איבער א מיליאן קוואדראט קילאמעטער מיט א בעפעלקערונג פון 30 מיליאן איינוואוינער.

לאנדאן, 20 (ספ. טעל.) לויט ידיעות פון טאקיא איז אויף א פערזאמלונג פון כינעזישען גענעראלען אין מוקדען אויסגעוועהלט געווארען דער געוו. כינעזישער קייזער פו אלס פרעזידענט פון דער מאנדזשורישער רעפובליק.

אין אמעריקא איז מען אומצופרידען

ניו-יארק, 20 (ספ. טעל.) אין אמעריקא וואקסט די אומצופרידענע שטימונג געגען יאפאן דאס פראקלאמירען די מאנדזשוריען - רעפובליק, האלט מען אין אמעריקא, צילט אפצושאטען די אמעריקאנישע איינפלוסען פון כינעזישען מארק.

די דעמאקראטישע פארטיי אין אמעריקא פערלאנגט פון פרעזידענט הובער, אז די יאפאנישע סחורות זאלען באיקאטירט ווערען.

סאוויעטישער אמבאסאדאר אין פראנקרייך

פערוואונדעט בעת אנ'אויטא=קאטאסטראפע

פאריז, 20 (ספ. טעל.) דער סאוויעטישער אמבאסאדאר אין פראנקרייך דאוגאלעווסקי און די 2 בעאמטע גלובאוויטש און ראפאפארט זענען פער-וואונדעט געווארען בעת אנ'אויטא-קאטאסטראפע. פאהרענדיג קיין גענף.

רעוומאטיקער און נערוועז=ליידענדע!

קיין שום מענש האט נישט קיין סיבה צו פערצוויפלען ווידער געזונד צו ווערען, אויב ער ליידעט אויף רעוומאטיזם, פאדאגרע אדער נערוועז. טויזענ-דער מענשען, וועלכע זענען יאהרען געפלאגט פון שמערצען, זענען ווידער צוריק געזונט געווארען דורך טאגאל. ווענען זיינע ערפאהרונגען מיט טאגאל איז אונז מודיע ה' ז. גאנסיארקעוויטש, לאדז, פיעטריקאווער 104 צ. אנד.: זייט א לאנגער צייט האב איך אויף רעוומאטיזם געליטען, די שמער-צען האבען מיר אזוי דערקוטשעט, אז איך האב נישט געקאנט געהען, נישט שלאפען און נישט נארמאל ארבייטען. איך האב געפרובט א סך מיט-לען, אהן קיין שום דערפאלג. ערשט נאכ'ן בע-נוצען פון טאגאל-טאבלעטען זענען די שרעקליכע שמערצען פערשוואונדען, אזוי אז איך בין פול-קומען פון דעם ליידען פטור געווארען. איך וועל דערפאר יעדען ליידענדען עמפפעהלען טאגאל, אלס דאס ווירקזאמסטע מיטעל געגען רעוומאטיזם און שמערצען אין די געלענקען. עהנליך ווי ה' ג. זענען מודיע טויזענדער מענשען, וועלכע האבען בענוצט טאגאל געגען רעוומאטיזם, פאדאגרע, ריי-סען אין די געלענקען און אברים, נערוועזען און קאפ-שמערצען, גריפע, ערקעלטונגס-קראנקהייטען און עהנליכע קראנקהייטס-ערשיינונגען. טאגאל שטילט נישט נאר די שמערצען, נאר איז אויך עוקר מן השורש די קראנקהייט אויף א נאטירליכען אופן. דערפאר האט מען מיט טאגאל אפילו ביי לאנג - יעהריגע ליידען איבערראשענדע ערפאלגען ערגרייכט. אונשעדליך פאר'ן הארץ, מאגען און אנדערע ארגאנען. אז טויזענדער דאקטוירים, דערווי-טער א סך בעריהמטע פראפעסארען, פערשרייבען טאגאל, קען קענט איהר עס מיט פולען פער-טרויען קויפען. פרובט אליין אויס, פערלאנגט אבער נאר טאגאל. אין אלע אפטייקען.
945

לאדזער יודישער קאמעראל=טעאטער

אלטע 1-טער מאי 2. דיר.: דוד צעלמייסטער און א. בעזמאן.

גאסטשפילן פון לאדזער קאמעראל און קליינקונסט=טעאטער „ארט"

קינסטל. אנפ.: מ. בראדערזאן.

היינט, זונטאג — 2 פארשטעלונגען 7.45 און 9.45 אין אוונד

ווידערהאלונג פון דער פרעמיערע פון 25-טען יובילעאום-פראגראם

„שמחות ביי יודען"

אין 2 טיילען, 14 בילדער.

1) פראלאג, 2) בין מנחה למעריב, 3) וואלס, 4) קבצנזאהן און הונגערמאן אין 1932, 5) וויא, פערדעלעך.. 6) אבריש און דאברוש 7) שמענדריקעס, 8) גערואנגעל, 9) שרה-באנדע, 10) אלע זענען גוט, 11) אינדרא, 12) ראוי לחופה, 13) דער ארעסטאנט פון נאוואמיעסקא, 14) לאדז אויפ'ן הימעל

טעקסטען: מ. בראדערזאן, י. אבערזשאנעק, א. גאלדפארען און פ. פיאראראוו. מוזיק: קאמפ. דוד בייגעלמאן, פ. ליסט און פאלקס-מאטיווען. דעקאראציעס און קאסטיומען: דינה מאטיס. רעזשי ש. דזשיגאן און י. שומאכער. קאנצערט-מייסטער: ש. בייגעלמאן, בינע-אינספ. מ. קאן.

עס בעטייליגען זיך (לויט א"ב): ש. גאלדשטיין, מרים דאלסקא, ש. דזשיגאן, שיינע מרים, צילי סטאל, מ. פעטערמאן, מ. פולאווער, מ. קאן, ל. ריינגלאס, י. שומאכער, י. שיפער און א קינסטלערישער טאנץ-קווארטעט. די קאסע איז אפען פון 6 א זייגער אין אוונט.

אלטע קאשטשושקי 21 „הזמיר" אלטע קאשטשושקי 21

יודישע טעאטער=סטודיע פון „הזמיר"

פרייטאג, ד. 26-טען, שבת, ד. 27-טען, זונטאג, ד. 28-טען פעברואר, 9 אוונד

פייערליכע פרעמיערע!

מסעות בנימין השלישי

סאטירע אין 10 בילדער פון מענדעלע מוכר ספרים.

רעזשי – אידעם. דעקאראציעס און קאסטיומען – יצחק ברוינער.
מוזיק – דוד בייגעלמאן. פלאסטיק און טענץ – איזא הארארי
אינסצעניזאציע – כאים עמעס.

בילעטען שוין צו בעקומען אין לאקאל פון „הזמיר".

זייט דו גיבסט מיר דעם ראזיגען סקאטט — בין איך דער שטארקסטער אין מיין קלאס!

EMULSJA SCOTTA

איז אנ'אויסגעצייכענטע וויטאמין=נאהרונג פאר קינדער.

בעשטארקט און ענטוויקעלט דעם קינדס ארגאניזם און פעהיט איהם פאר אויסקרימונג (ענגלישע קרענק) און אנשטעקענדע קראנקהייטען, ווי: קאקלוש, דיפטעריט, שקארלאטין, גריפע אין אנד. אבער פאדערט נאר אריגינעלע EMULSJA SCOTTA ווייל די נאכמאכונג האבען א קנאפען ווערט.
800

לאדז. 21 פעברואר 1932

„נייער פאלקסבלאט"

לאדז. 21 פעברואר 1932

אנטיסעמיטיזם
אלס פאליטישער טעאטער

אין עסטרייכישען פארלאמענט שטעהט מען אפט פאר רעטענישען. דער פארלאמענט איז דאך נישט מעהר ווי א סך-הכל פון די פאליטישע פארטייען אין לאנד און די עסטרייכישע פארטייען מיט זייערע קליינליכע אינטערעסען און רייסענישען לעגען ארויף זייער חותם אויפ'ן גאנצען פארלאמענטארישען לעבען. מעהר פון אלעמען בעטרעפט עס יודישע פראגען. דאס איז די גרעסטע רעטעניש. ביי א יעדער פאסיגער און אומפאסיגער געלעגענהייט שלעפט מען אריין דעם יוד אין מחלוקת און מען מאכט דערפון אן אנטיסעמיטיש מצווה-טענצעל. ווען די פארטייען רייסען זיך ארום איבער אויסערליכער פאליטיק, איבער עקאנאמישע און סאציאלע פראגען, ציהט מען אריין דעם יוד אין רעדעל און ס'ווערט תיכף לעבעדיג און פרעהליך. אין פארלאמענט האט מען איבער וואס זיך לוסטיג צו מאכען און פאר דער גאס ווערט עס אן אינטערעסאנטע דיסקוסיע. די קולטורעלע מדרגה פון פארלאמענט שפילט נישט קיין ראליע, וואס טיפער דער ניווא, אלץ אינטערעסאנטער פאר דער מאסע.

דאס פאליטישע לעבען אין עסטרייך איז דער העכסטער פאליטישער טעאטער, און די יודען שפילען די קאמיקער און שאפען זייער אייגענע טראגעדיע, אפילו ביי פארלאמענט-דעבאטען איבער פיעטרישקע טראגען די פאליטישע פארטייען אויס זייער קאמף אויף יודישע פלייצעס. ביידע גרופירונגען ווארפען זיך תמיד פאר צו שוואכען אנטיסעמיטיזם. אדער די סאציאליסטען רופען די רעגירונגס - פארטייען „ראטשילד - קריסטען" (דאס הייסט בעשיצער פון יודישען קאפיטאל), בשעת די רעגירונגס-פארטייען ווארפען די סאציאל-דעמאקראטישע פיהרער אין פנים אריין דאס שמוציגע שימפ-ווארט „זוי-יוד", „יודישע חוצפה", „יודישער מאזור-יונג" וכדומה אזעלכע שעהנע ווערטער. עס ווערט דערביי א גערודער, א זידעל-קאנצערט. צומאל אויך א שטיקעל געשלעג און דאס הייסט א לעבעדיגער טאג אין פארלאמענט מיט א פעטען ביסען פאר'ן עולם-גולם.

דאס אינטערעסאנטסטע פון אלעמען איז אבער די קאנקורענץ אין אנטיסעמיטיזם צווישען די סאציאליסטישע און אנטיסאציאליסטישע פארטייען. די סאציאל-דעמאקראטען האבען א געוויסען אגיטאציע-אינטערעס צווישען קריסטליכען ארבייטער שטאנד צו בעווייזען כסדר, אז דער אנטיסעמיטיזם פון דער קריסטליך-סאציאלער פארטיי איז בלויז אגיטאטארישע דעמאגאגיע, כדי אריינכאפען די נידעריגע אומגעבילדעטע קריסטליכע פאלקס-שיכטען, צו ווייזען, אז אט דער נישט-ערנסטער קריסטליך-סאציאלער אנטיסעמיטיזם ווענדעט זיך בלויז געגען קליינעם ארימען יוד. בשעת די רייכע און שטארקע יודען ווערען פון די קריסטליך-סאציאלע נישט געטשעפעט. נאך מעהר, זיי מאכען צוזאמען געשעפטען און בעשיצען אויף שריט און טריט די יודישע בורזשואזיע. און דווקא די יודיש-געבוירענע פיהרער שרייען כסדר „ראטשילד-קריסטען" און פערשפרייטען אונטער דעם נאמען מיליאנען בראשורען צווישען פאלק. דווקא זיי שטעלען זיך כסדר אקעגען די אנטיסעמיטען אין פארלאמענט און שרייען: אנטיסעמיטיזם איז ביי אייך בלויז א פאליטישער מסחר, אבער נישט קיין ערנסטער פארטיי-פראגראם.

אין טאקע די טעג געווען א טראגי-קאמישע סצענע אין פארלאמענט: די נייע רעגירונג פון ד"ר בורעש האט זיך פארגעשטעלט דעם פארלאמענט און עס זענען געווען היציגע דעבאטען. האט דער סאציאל-דעמאקראטישער גענעראל - רעדנער ד"ר דאנעבערג (דער ווינער לאנטאג-פרעזידענט) א קאנפעסיאנסלאזער יוד, גענומען צום ראפארט דעם קריסטליך-סאציאלען ווינער פיהרער קונשאק, וועגען זיין אנטיסעמיטישער העצעריי אקעגען די יודען אין דער קרעדיט-אנשטאלט. אזוי ווי באראן ראטשילד איז מוחל די גאנצע באנק דעם עסטרייכישען שטאאט, נישט ווילענדיג טראגען דעם געוואלדיגען היזק פון עסטרייכס שלעכטער עקאנאמישער און אויסערליכער פאליטיק, ווילען אצינד די קריסטליך-סאציאלע ארויסווארפען פון דער פערקלענערטער באנק בעיקר דעם יודישען פערסאנאל. אמאל זאגט מען דעם מארקסיסטישען אנגעשטעלטען און מען מיינט דעם יוד און אמאל פערקעהרט. די קריסטליך-סאציאלע צוזאמען מיט די אנדערע אנטיסעמיטישע פארטייען טוען אלצדינג, אז פארבלייבען אין דער באנק זאלען בלויז קריסטליכע אנגעשטעלטע פון די „געלע געווערקשאפטען". וואלט עס געוויס געווען זעהר לייטיש, ווען די סאציאל-דעמאקראטישע פארלאמענטארער רעכענען זיך אפ מיט אזא סארט אנטיסעמיטיזם דווקא ביים דעבאטירען דעם עקספאזע פון דער נייער רעגירונג. האט אבער ד"ר דאנעבערג פארגעווארפען דעם אומערנסטען אנטיסעמיטיזם פון דער קריסטליך-סאציאלער רעגירונגס-פארטיי און אנגערופען זיי שלעכטע אנטיסעמיטען. דערויף האט זיך דער קריסטליך-סאציאלער גענעראל-רעדנער עקס-מיניסטער קאלמאן באלד רעוואנזשירט און געענטפערט: אייך סאציאליסטען געפעלט נישט אונזער צו שוואכער אנטיסעמיטיזם. דאס הייסט, אז די יודישע סאציאל-דעמאקראטען זענען בעסערע אנטיסעמיטען ווי מיר. טא לאזען מיר אייך אייך, זאלען מיר מאכען דעם אנטיסעמיטיזם צוזאמען, וועט ער זיין גרינדליכער און דערגרייכען גיכער זיין ציל... אין פארלאמענט איז געווארען אן אלגעמיינער געלעכטער, דער יעזואיטישער דריידעל פון קריסטליך-סאציאלען פיהרער האט זעהר גוט צוגעפאסט פאר'ן אנטיסעמיטישען דריידעל פון אמאליגען יוד און היינטיגען סאציאל-דעמאקראטישען פיהרער. דאס איז דער גייסטיגער ניווא פון עסטרייכישען פארלאמענטאריזם.

מ. א. טענענבלאט.

וואו איז די גרעניץ צווישען באיקאט-אגיטאציע און פאגראם-העצע?
אז מען וויל, געפינט מען דעם געהעריגען פאראגראף

דאס יודישע קאלא מיט דעפ. גרינבוים בראש האט אריינגעטראגען אן'אינטערפעלאציע צו דער רעגירונג מכוח דער שטארקער באיקאט-אגיטאציע, וואס ווערט געפיהרט אין פערשידענע ערטער פון לאנד. אין דער אינטערפעלאציע ווערען געבראכט א רייהע פאקטען, וואס אילוסטרירען דעם פערנעהם פון דער באיקאט בעוועגונג. די אינטערפעלאציע רעדט אויך ארום דעם ענגען צוזאמענהאנג, וואס עקזיסטירט צווישען דער באיקאט-אגיטאציע און אגיטאציע פאר איינארדנען אנטי-יודישע עקסצעסען און שרייבט וועגען דעם:

מיט דער גאנצער פעסטקייט דארף אונטערגעשטראכען ווערען, אז די גרעניץ צווישען דער אגיטאציע, וואס רופט צו בעפאלען יודען און דער פראפאגאנדע פון באיקאט לגבי די יודען איז זעהר נישט קיין גענויע, אין די באיקאט אגיטאציע, ווילענדיג נישט ווילענדיג, פערטשעפעט זי די לאזונגען פון פאגראם; די זעלבע באיקאט-אגיטאציע נאכדעם, ווי עס ווערט צוגענייט די אטמאספער פון האס אויפ'ן רעליגיעזען און נאציאנאלען באדען, קאן לייכט פערוואנדעלט ווערען אין די גוט בעקאנטע אנטי-יודישע עקסצעסען. א בעוויז דערצו זענען די געשעהענישען, וואס זענען דעם 19-טען יאנואר פארגעקומען אין קראטאשין, וואו די ארומיגע פויערים, געהעצט דורך די ארטיגע סוחרים, האבען זיך געווארפען אויף די אנגעקומענע יודישע הענדלער מיט די געשרייען „הורא נא זשידא" און האבען גענומען רויבען זייערע סחורות.

ערשט מיט דער הילף פון די אלארמירטע פייערלעשער איז דער פאליציי געלונגען און דאס ערשט נאך א שעה צייט צו פערטרייבען פון מארק די אנפאלער.

מען דארף בעמערקען, אז נישט איינמאל אין די ענטפערען אויף אונזערע פאדערונגען עס זאל ענערגיש געקעמפט ווערען געגען דער באיקאט-אגיטאציע, האט מען אינז מצד דער מאכט אפגעענטפערט מיט דעם ארגומענט, אז די קרימינעלע געזעצגעבונג, וואס איז ביי אונז פערפליכטענד, זעהט נישט פאראויס קיין שום סאנקציעס געגען אן'אגיטאציע, וועגען וועלכער עס ווערט דא גערעדט. אמת, נישט אונזער זאך איז עס צו לערנען די געהעריגע פאקטארען ווי אזוי מען דארף רעכטליך קוואליפיצירען אזעלכע פערברעכערישע האנדלונגען. מיר דענקען אבער, אז עס וועט זיין נישט איבריג אנצווייזען, ווי אזוי אזעלכע טאטען ווערען בעקעמפט אין אנדערע אייראפעאישע לענדער. פון א גוט אינפארמירטע קוועלע ווערען מיר בעוואויר, אז אין לינץ, דער הויפטשטאט פון אויבער-עסטרייך זענען ארויסגעהאנגען געווארען פלאקאטען, וואס האבען גערופען צו באיקאטירען דעם יודישען האנדעל. וועגען דעם איז געמאלדען געווארען דעם אבער-פראקוראר פון דער עסטרייכישער רעפובליק און דעם יוסטיץ-מיניסטער. דער פראקוראר אין לינץ האט דאן בעקומען א פעראָרדנונג צו פערפיהרען א קרימינעלען פראצעס געגען די, וואס האבען דעם פלאקאט פערשפרייט לויט'ן ארטיקעל 302 פון עסטרייכישען שטראף-קאדעקס פון יאהר 1852 און אזוי איז עס טאקע געשעהן. מיר בעמערקען, אז דער דערמאנטער פאראגראף רעדט וועגן רופען צו פיינדליכע שריט געגען פערשידענע נאציאנאליטעטען און רעליגיעזע פערבאנדען און זעהט פאראויס א שטראף פון 3 ביז 6 חדשים, אויב עס איז נישט קיין טאט. וואס קען בעשטראפט ווערען הארבער. דער דאזיגער פאראגראף האט אין די שטראף-קאדעקסען, וואס זענען מתחייב אין פוילען, עהנליכע און ענטשפרעכענדע פאראגראפען.

דער פראיעקט פון אן'אינטערנאציאנאלער ארמעי
און דער רעגירונגס-קריזיס אין פראנקרייך

דער קריזיס אין פראנקרייך איז אויסגעבראכען צוליב אינעווערליכע סיבות, צוליב דער נייער וואהל-ארדינאציע, וועלכע עס האט אנגענומען די רעכטע מערהייט פון פארלאמענט. ד"ר טהאן אין „נאווי דזיענניק" פרובט צו שטעלען דעם פראנצויזישען רעגירונגס-קריזיס אין א צוזאמענהאנג מיט דער אינטערנאציאנאלער פאליטיק פון דער לאוואל-רעגירונג און מיט דעם פראיעקט צו בעוואפענען די פעלקער ליגע, וועלכען די פראנצויזישע דעלעגאציע האט אריינגעטראגען אויף דער ענטוואפנונגס-קאנפערענץ. ד"ר טהאן שרייבט:

די ערשטע פראגע וועט זיין: אן'ארמעי אדער א זשאנדארמעריע? אויב אלץ וועט זיין ענטוואפענט, און אין קיין שום לאנד וועט מען נישט קאנען געפינען קיין שטיקעל שארף אייזען א חוץ אן'אקער-אייזען, וועט ווירקליך גענוג זיין א זשאנדארמעריע. אבער אזוי וועט דאך נישט זיין. דייטשלאנד האט דאך בעוואפענטע 150 טויזענד מענשען, וועלכע זענען איהר אנערקענט געווארען אויף אויפצוהאלטען די רוהע און זיכערקייט אין לאנד. רוסלאנד איז לויט איהר שטח אזוי פיל און אזוי פיל מאל גרעסער און האט אן'אזוי פיל מאל גרעסערע בעפעלקערונג, זי מוז אלזא האבען מעהר בעוואפענטע מענשען. כדי צו קאנען מיט ערפאלג זיך אנטקעגענשטעלען אזא מאכט, וועט מען דארפען האבען לאמיר זאגען, אן'ארמעי פון א האלבען מיליאן, מסתם נאך א גרעסערע. און אט די ארמעי וועט זיך געפינען אונטער'ן בעפעהל פון די גענפער שלימזלס? איין מאל איז אזא אינטערנאציאנאלע ארמעי ארויס אין קאמף געגען דעם קייזער פון כינע און זיין מוטער אונטער דעם בעפעהל פון פרייסישען גענעראל וואלדערזעע, האט דאך די גאנצע וועלט געלאכט, און דער ארימער אלטער וואלדערזעע האט זיך שפעטער געשעהמט צו קוקען די מענשען אין די אויגען אריין. ווען מ'האט איהם צוגעטשעפעט דעם טיטול „וועלט-מארשאל". צי קאן מען זיך ווירקליך פארשטעלען, אז אזא גענפער ארמעי זאל גיהן אין שלאכט-פעלד? אט א שטייגער איצט: ווען דער גענעראל-סעקרעטאר פון פעלקערבונד מר דרומאנד זאל זיך נעמען פיהרען אן'אינטערנאציאנאלע, פרעכטיגע און בונטע ארמעי קיין שאנכאי. ביז ער וועט אהינקומען, וועט ער די יאפאנער שוין נישט טרעפען, פונקט ווי עס האט זיי נישט אנגעיאגט א דייטשער הארמאט, ווי דער קעלאג-פאקט, צו וועלכען זיי האבען פריהער געשוואוירען.

פערשטעהט זיך, עס זענען פערהאן מיטלען געגען ווידערשפעניגע מלוכות, אפילו די שטארקסטע: באיקאט, בלאקאדע, צונעמען די קרעדיטען, עקאנאמישע הילף פאר דעם אנגעפאלענעם א.א.ח. אבער גראד וועגען די דאזיגע אויספיהרבארע זאכען רעדט נישט פראנקרייך. זי רעדט נאר וועגען מיליטערישער קראפט, וואס דארף געלאזט ווערען אין גאנג, איידער מען וועט צוטרעטען צו ענטוואפנונג.

ס'איז קלאר, אז דער וועלט געפעלט דאס נישט. פראנקרייך הויבט אן צו ווערען אביסעל אפגעסעפארירט, וועגען פראנקרייך רעדט מען שוין א שטייגער אין אמעריקא: זי זאל זיך נעהמען איהר גאלד און גיהן צו אלדי רוחות! פראנקרייך פערלירט איהר צויבער. און דאס הייסט, אז זי פערלירט איהר קראפט.

אפשר טאקע דערפאר האט די פראנצויזישע דעמאקראטיע ארונטערגעווארפען דעם קאבינעט פון לאוואל'ן כדי ארויסצוקריכען פון וועג, אויף וועלכען עס האט דאס לאנד פערפיהרט דער דאזיגער אהן ספק פעהיגער, אבער נישט זעהר פאציפיסטישער פאליטיקער. אפשר וועט דאך פראנקרייך בעזייטיגען א מניעה און וועט צולאזען צו דער ענטוואפנונג.

קיעווער אינסטיטוט פאר יודישער קולטור
ווערט בעשולדיגט אין אומטעטיגקייט און „פוילען-ליבעראליזם"

מאסקווע (יט"א) דער מאסקווער „עמעס" האט פערעפענטליכט א לענגערן ארטיקעל פערפאסט דורך א גרופע שרייבער, אין וועלכען דער קיעווער „אינסטיטוט פאר יודישער קולטור" ווערט בעשולדיגט אין אומטעטיגקייט און פוילען ליבעראליזם". איז טאלעראנץ צו מארקסיסטיש נישט-אויסגעהאלטענע געדאנקען".

דער ארטיקעל ווארט פאר דער פעדאגאגישער סעקציע, אז זי געפינט זיך די גאנצע צייט אין קלעם פון „קליינבירגערליכע בורזשואז-רעאקציאנערע קאנצעפציעס". די ליטעראַרישע סעקציע, וועלכע איז אנגעפיהרט געווארען דורך דעם בעקאנטען ליטעראטור-פארשער פון דער יודישער ליטעראטור-אויסלענדער, ווערט בעשולדיגט, אז איהר גאנצע ארבייט איז געפיהרט געווארען אויף א „קליינבירגערליכען שטייגער" און איז געווען אפגעריסען פון דער פראלעטארישער געזעלשאפטליכקייט. און ווען אפילו אויסלענדער איז בעזייטיגט געווארען פון דער אנפיהרערשאפט האט דער אינסטיטוט נישט געפינען פאר נויטיג עפענטליך אפצושאצן זייער אנטי-קאמוניסטישע און שעדליכע איינשטעלונגען" אין פראגען פון ליטעראטור.

די היסטארישע סעקציע, וואס איהר ארבייט איז בעזונדערס וויכטיג, שרייבען די אויטארען פון ארטיקעל, האט כמעט נישט רעאגירט אויף די „שעדליכע אפנייגונגען, מענשעוויסטישע קאנצעפציעס און טראצקיסטישע קאנטראבאנדע" אין די היסטארישע ארבייטען פון אזעלכע היסטאריקער פון דער יודישער ארבייטער-בעוועגונג ווי ראפעס, אחד. אגורסקי, היילימאן, יודיצקי און אנדערע. די סעקציע האט זיך פערפליכטעט דורכצופיהרען א שטרענגע אידעאלאגישע רעוויזיע פון דער גאנצער ליטעראטור איבער דער [illegible] פון די [illegible] רעו, איז דער ערשטער רייהע איבער דער געשיכטע פון דער קאמוניסטישער פארטיי, דער אקטאבער-רעוואלוציע און דער ארבייטער-בעוועגונג צווישען יודען. נאר ביז איצט זענען קיין רעזולטאטען פון דער ארבייט נישט צו בעמערקען. עהנליכע פארוואורפען ווערען אויך געמאכט דער פילאלאגישער, עטנאגראפישער און ביאלאגישער סעקציע פון אינסטיטוט.

די שרייבער פון ארטיקעל פאדערן, אז די טוער פון אינסטיטוט זאלען אין דער ערשטער רייה [illegible] אין דער עפענטליכקייט מיט א גרינדליכער [illegible] זייערע אייגענע פעהלער און חטאים.

שווערע שטראפען פאר תבואה-שפעקולאציעס אין אוקראינע

מאסקווע (יט"א) א שווערען אורטייל האט ארויסגעטראגען דאס סאוויעטישע געריכט אין טיראספאל, מאלדאווער אויטאנאמע רעפובליק (אוקראינע). איבער א גרופע יודען, וואס זענען בעשולדיגט געווארען אין „שאדיגעריי, שווינדעל און שפעקולאציע", וואס האט לויט דעם בעשולדיגונגס-אקט געפיהרט צו דעם „אונטערגראבען פון דער מלוכה'שער ברויט-פערגרייטונג אין מאלדאוויע".

די בעשולדיגטע בעשטעהען פון סאוויעטישע אנגעשטעלטע און איינציגע תבואה סוחרים. די אנגעקלאגטע זענען בעשולדיגט געווארען אין סיסטעמאטיש גנב'ענען תבואה, וואס איז צוגעשטעלט געווארען דורך די „קאלכאזען" און פערקויפען די תבואה אויפ'ן פריוואטען מארק.

דאס הויפט-געריכט פון דער מאלדאווער אויטאנאמער רעפובליק האט קוואליפיצירט די מעשים פון די בעשולדיגטע אלס „שאדיגעריי און שפעקולאציע" און האט פערמשפט: ווייצמאן'ען און ראשקאוו'ן צו 10 יאהר תפיסה יעדערן. צוקער-מאנען צו 8 יאהר, שטילקינד'ן, דארפסמאנען, זבירסקי'ן און גוראוויטש'ן — צו 5 יאהר תפיסה יעדערן. די איבריגע בעשולדיגטע זענען פעראורטיילט געווארען צו פערשידענע טערמינען תפיסה.

—):o:(—

אנדערע צייטען הײנט פאַר פרויען

טויזענטער יאָהרען איז די פרוי געווען א שקלאַפין און א לאַסט. — ווי אַזוי די פערשקלאַפונג איז געקומען און ווען עס האָט זיך אנגעהויבען דער קאַמף פאַר בעפרייאונג. — די פרייסטע מענער קוקען קרום אויף א פרוי, וואָס לעבט פריי

די פרוי איז שוין איצט אין די מעהרסטע ציוויליזירטע לענדער אַ פרייער, אָדער כמעט אַ פרייער מענש. פּאָליטיש האָט זי אין דעם גרעסטען טייל פון די אייראָפּעאישע מלוכות און אין דער גרעסטער העלפט פון אמעריקע גלייכע רעכט מיט'ן מאַן. מיט דער פּאָליטישער עמאַנציפּאַציע פון די פרויען אין שפּאַניען האָט די פרוי איינגענומען נאָך אַ פעסטונג צווישען יענע פעלקער, וואָס האָבען איהר ביז איצט קיין פּאָליטישע אַנערקענונג נישט געוואָלט געבען — צווישען די אַזוי־גערופענע ניי־לאַטיינישע פעלקער־גרופּען.

אויבענאויף איז גאַר אוממעגליך זיך פאָרצושטעלען, די גרויסע, גריגטליכע רעוואָלוציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער לאַגע פון דער פרוי אין משך פון וועלכע עס איז הונדערט יאָהר. אַ פּאַקטישע שקלאַפין פון דעם מאַן טויזענטער יאָהרען — האָט זי שטיל געליטען ביז איהר טאָג איז געקומען — דער טאָג פון איהר בעפרייאונג. דער קאַמף פון אונטערדריקטע און פערשקלאַפטע געגען יאָך איז די פרוישיבע, וואָס האָט געטריבען פאָראויס די גאַנצע מענשליכע ציוויליזאַציע. שקלאַפען האָבען אַלע מאָל געקעמפט געגען אונטערדריקונג און אַזוי אַרום האָט זיך אויסגעאַרבייט די בעגקשאַפט נאָך רעכט און נאָך גערעכטיגקייט. די פרוי־שקלאַפין האָט אָבער זעהר לאַנג געליטען. זי האָט אַליין איבערגענומען די מיינונג, וואָס דער מאַן האָט געהאַט וועגען איהר. זי האָט זיך צוגעוואוינט צו איהר שקלאַפישען צושטאַנד און איהם בעטראַכט פאַר נאַטירליך. זי איז מסכים געווען מיט דעם מאַן, אַז די פרוי דאַרף אַרבייטען ווי אַ לאַסט־טיר, אַן אָקס און אַ בהמה און זיין דאַנקבאַר אויב דער מאַן זאָגט איהר אַמאָל אַ גוט וואָרט — ווי עס איז געווען אין די גאַר אַלטע צייטען. זי האָט נאָכגעזאָגט און נאָכגעטון דעם מאַן, ווען זי האָט געקוקט אויף זיך ווי אויף אַ צאַצקע, ווי אויף אַ פערגעניגענס־צושטעלערין, אָדער ווי אויף אַ קינדער־געבערין און דערציהערין, אויף אַ קעכין און אַ ... — ווי עס איז געווען אַביסעל שפּעטער. דעם ... האָט זי ווידער איינגעשטימט מיט דעם מאַן, אַז פּאָליטיק, פיהרערשאַפט, די איינאָרדנונג פון מלוכה און געשעפטען איז בלויז דעם מאַנ'ס עסק, נישט איהרע־חלילה. פּונקט אַזוי האָט זי אַליין געגלויבט אין די געזעצען, וואָס דער מאַן האָט געשאַפען פאַר איהר. דער מאַן מעג, אָבער זי טאָר נישט. דער מאַן מעג האָבען איין ווייב, און צעהן, און צוואַנציג, און דערצו נאָך אַזוי פיל קעפס ווייבער ווי ער וויל, אַזוי פיל געליבטע וויפיל ער קאָן נאָר קריגען — די אָבער מוז בלייבען געטריי דעם איינציגען מאַן, איהר האַר און מייסטער. דאָס פּאַסט נישט פאַר דער פרוי, דאָס דאַרף נישט אַ פרוי, דאָס זאָל נישט טאָן אַ פרוי — אַזוי האָט דער מאַן געשאַפען כללים פאַר דער פרוי'ס אויפפיהרונג, אַזוי האָט ער פעסט־געשטעלט איהר מאָראַל און זי האָט געגלויבט און אָנגענומען דעם מאַנ'ס בעשטימונגען.

די פערשקלאַפונג פון דער פרוי איז געקומען צוזאַמען מיט דער אינסטיטוציע פון דעם אַזוי גערופענעם פּאַטריאַרכאַט, דאָס הייסט פון דער פאָרמע ציוויליזאַציע, וואו דער מאַן הערשט קודם־כל אַלס פאָטער פון דער פאַמיליע, דאַן אַלס אייגענטימער פון אַלץ, וואָס איז פערבונדען מיט דער היים. דאָס ווייב אָדער ווייבער און די קינדער אַריינגערעכענט. פון דער פאַמיליע איז מיט דער צייט געוואָרען אַ געמיינדע, פון דער געמיינדע אַ געזעלשאַפט — שטאַט און מלוכה. דער מאַן־פאָטער איז געבליבען דער הערשער און דער הערשער האָט

פון שאול קלײנבערג.

באַין אופן נישט געוואָלט אָפּטרעטען אַפילו אַ קליין פינגערל פון זיין מאַכט. דער פּאַטריאַרכאַט הערשט נאָך איצט אין די מעהרסטע ציוויליזירטע לענדער. די בעפרייאונג פון דער פרוי פון איהר שקלאַפעריי בעשטעהט קודם־כל אין דער פערניכטונג פון דעם פּאַטריאַרכאַלען געזעץ.

דעם גרעסטען קלאַפּ האָט דער פּאַטריאַרכאַט, פּונקט ווי אַלע אַלטע, איינגעפונדעוועטע אינסטיטוצייעס, בעקומען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע צום סוף פון 18־טען יאָהרהונדערט. מענשען — סיי מענער, סיי פרויען, — האָבען דאַן רעוואָלטירט געגען דער הייליגקייט און געטליכקייט פון דעם פאָטער פון דער מלוכה, געגען דעם קעניג, דעם וויכטיגסטען און מעכטיגסטען „פאָטער“. עס איז דעריבער געווען נאַטירליך, אַז די פרויען, וואָס האָבען ביז יענער צייט אָהן פּראָטעס און אָהן צווייפעל אָנגענומען פאַר הייליג, פאַר אַ חק ולא יעבור די פּאַטריאַרכאַלע פּרינציפּען בנוגע זיך זאָלען אָנהויבען צו שטעלען קשיות, צו ווערען אַ סך ווייניגער זיכער, צי אָט די פּרינציפּען זענען טאַקע מיט אַן־אמת אַזוי הייליג, צי איז נישט בעסער אויסצוגעפינען, אויב די זענען נישט מעהר ווי אַן־ אַרויסגעוואַקסענער פאָראורטייל, אָדער אַבער־גלויבען. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט מעגליך געמאַכט פאַר די פרויען צו פּראָטעסטירען געגען זייער יאָהר־טויזענטער אַלטער פערשקלאַפונג. אָט פון יענעם פּראָטעסט הויבט זיך אָן דער קאַמף פון די פרויען פאַר בעפרייאונג.

דער דאָזיגער קאַמף האַלט נאָך אָן אויך איצט.

אין דער הויך־קאַפּיטאַליסטישער אַמעריקע און אין דער סאָוויעטישער רוסלאַנד, וואו עס ווערט געמאַכט אַ פּרוב צו בויען אַ נייע געזעלשאַפט אויף נישט־קאַפּיטאַליסטישע, נאָר אויף סאָציאַליסטישע יסודות, איז די אויסגלייכונג פון דער פרוי פּאָליטיש און עקאָנאָמיש אַמוויטסטען אוועק. אין סאָוויעט־רוסלאַנד, קאָן מען זאָגען, איז די אויסגלייכונג כמעט פולשטענדיג אויך אין דעם פּרט פון פרויען־בעפרייאונג איז דער סאָוויעטען־פעראַנד אַ ריזיגע לאַבאָראַטאָריע, וואו די נייע לאַגע פון דער פרוי ווערט שוין נאָך שריט אויסגעאַרבייט און געענדערט. די דאָזיגע לאַבאָראַטאָריע ווערט מיט רעכט נאָכגעפאָלגט מיט דעם גרעסטען אינטערעס אין אַלע לענדער. עס איז קלאָר פון אויבענאויף, אַז די רעזולטאַטען, צו וועלכע מען וועט קומען אין רוסלאַנד אין דעם פּרט פון דער אַזוי גערופענער „געשלעכט־רעוואָלוציע“, וועלען האָבען אַ גרויסען איינפלוס אויף דער לאַגע פון דער פרוי, אויף די בעציהונגען צווישען די געשלעכטער, אויף דער פאָרם פון היירעט, אויף דער פראַגע פון קינדערערציהונג — אומעטום אין אַלע לענדער.

דערווייל, טאָר מען אָבער נישט פערגעסען, איז נאָך אַלץ די וועלט דער עיקר דעם מאַנ'ס וועלט. דער איצטיגער דור מענער, אַפילו יענער טייל, וואָס האָט פולשטענדיג אָנגענומען די בעפרייאונג און אויסגלייכונג פון דער פרוי, איז נאָך אין אַ זעהר גרויסער מאָס אונטער דעם איינפלוס פון די בעציהונגען צו דער פרוי, וואָס האָבען זיך אויסגעאַרבייט אין משך פון לאַנגע דורות פריהער און וואָס זענען געוואָרען אַ מין טראַדיציע. סיי מענער סיי פרויען מוזען נאָך אַלץ קעמפען געגען דער דאָזיגער טראַדיציע. נישט בלויז די מענער, וואָס זעהען אין דער פרוי זייער אַבסאָלוטן גלייכן,

באַר אויך די פרויען, וואָס ... אין ... פאַר דער אייגענער עמאַנציפּאַציע, דאַרפען איבער זיך דורכפיהרען אַ מין פּסיכאָלאָגישע רעוואָלוציע.

פון אַלע קאַמפען, וואָס די פרוי האָט אויסצופעכטען ביז די וועט ווערען אינגאַנצען פריי, איז אָט דער קאַמף געגען דער פּסיכאָלאָגיע, געגען דער איינגעוואָרצעלטער טראַדיציע — דער שווערסטער. וויפיל פרייע, פרייסטע מענער קוקען נאָך אַלץ אויף אַ פרוי, וואָס ערלויבט זיך צו פיהרען איהר געשלעכטס לעבען אַזוי אָפענהערציג און אַזוי אומבעגרעניצט ווי זי וויל באַר, מיט קרומע אויגען, מיט טאַדלונג, אָדער מיט אַ גיפטיגע שמייכעלע אויף די ליפען, אָדער גאַר מיט אַ בייזען זידלוואָרט! דאָס פּאַסירט עפטער ווי מען מיינט, דערזעלבער מאַן, וואָס האָט זיך שוין פולשטענדיג צוגעוואוינט צו דעם געדאַנק, אַז ער אַליין און אַנדערע מענער מעגען אַראָפּרייסען אַלע צוזאַמען פון דער געקינצעלטער מאָראַל, און דער עיקר היסטאָרישע טראַדיציע האָבען אויפגעשטעלט — דערזעלבער מאַן קאָן נאָך אַלץ ביי זיך נישט פועלן, אַז די פרוי האָט פּונקט דיזעלבע רעכט.

דאָס אַלץ מיינט נישט, אַז די פרוי מוז אין אַלץ דווקא יאָגען זיך צו זיין גלייך מיט דעם מאַן. די פרוי איז נישט דאָסזעלבע ווי דער מאַן. דאָס האָט שוין די נאַטור אַליין בעשטימט. אָבער וואָס זי זאָל נישט זיין, איז זי באַין אופן נישט נידריגער ווי דער מאַן און זי האָט דאָס פולע, אַבסאָלוטע רעכט צו זיין אַזוי פריי מיט זיך, ווי דער מאַן איז מיט זיך.

—000—

אונטער דער נאָז פון פעלקער־בונד

יודישע סוחרים איז זשענעווע ווערען זיך נעגען באיקאָט

זשענעווע, (יט"א) 60 יודישע סוחרים אין זשענעווע האָבען זיך געווענדעט צו דער קאַנטאָנאַל־רעגירונג מיט אַן־אַנקלאַגע געגען די פּאָליציי־אָרגאַנען, וועלכע טאָלערירען די אָפען־געפיהרטע אַנטי־יודישע באָיקאָט־אַגיטאַציע. אָהן שום שטערונג ווערען פערשפּרייט אין זשענעווע פלוג־בלעטער, וועלכע רופען צו באָיקאָטירען יודישע געשעפטען.

אין דעם מעמאָראַנדום ווערט געפאָדערט צו מאַכען אַ סוף מיט דער פּרובעריכערישער אַגיטאַציע, וואָס בעדראָהט די עפענטליכע רוה.

קלאַנג־קינא־טעאַטער
APOLLO
היינט פּרעמיערע!
גרויסער דאָפּעלטער פּראָגראַם!
1) „דער טייוועל פון די ימים“
מעכטיגע ים־דראַמע. אין די הויפּט־ראָלן:
Charles Bickford, Roquel Torres, Nils Asther
2) „אין לאַגער פון זיל־בערנעם לייב“
גרויסער עקזאָטישער פילם.
נעכסטער פּראָגראַם: Laurel i Hardy
אין פילם „יאַנקע מוזיקאַנט“
אָנהויב אין געוו. טעג 4 נאָכמיטאָג, שבת און זונטאָג—12 אַ זייגער בייטאָג.

פייערלעשער אויף סקי

זיי קומען אַזוי שנעל צו א שרפה, ווי אנדערע פייערלעשער אין אויטאָס

ר. איזראַעל.

קאַפּערלע

102)

א סענסאַציאָנעל־עראָטישער ראָמאַן פון דער לאַדזשער וווירקליכקייט

דאָס טויבע קלאַפּען פון פערעלען מיט די פיס, איהר כאָרכלען מיט'ן האַלז האָט אויפגעוועקט העלענאַן' וועלכע איז אויפגעשפּרונגען פון איהר געלעגער און זיך אַרומגעקוקט איבער'ן צימער. זי האָט דערזעהען בײם פענסטער פערעלעס הענגענדען קערפּער, אָבער זי האָט זיך אין ערשטען מאָמענט נישט געקענט אָריענטירען, וואָס ס'קומט פאָר. נישט וויסענדיג אַליין ווי אַזוי, איז העלענא צוגעלאָפען צום פענסטער און אָנגעהויבען צו רייסען די שטריק, אויף וועלכער פערעלע איז געהאָנגען, די שטריק האָט נישט אויסגעהאַלטען די דאָפּעלטע לאַסט און האָט זיך אָפּגעריסען, פערעלע איז געפאַלען אויף העלענאַס הענד אַ האַלב פערחלשטע, זי איז אָבער באַלד געקומען צו זיך און דאָס ערשטע האָט זי געגעבען אַ צייכען העלענאַן, אַז ס'זאָל זיין שטיל, אַז זי זאָל קיין אַלאַרם נישט מאַכען.

העלענאַ האָט פערשטאַנען, וואָס פערעלע מיינט און הגם זי איז געווען צום טויט איבערגעשראָקען פון דער סצענע, וועלכע זי האָט געזעהען, האָט זי זיך איינגעהאַלטען און גאָרנישט גערעדט.

פערעלע האָט זיך קוים אויפגעשטעלט, זי איז געווען אַזוי שוואַך, אַז זי האָט נישט געקענט ריהרען מיט קיין שום אבר, דער האַלז האָט איהר שטאַרק וועה געטון פון דער שטריק, וועלכע האָט זיך איהר שטאַרק איינגעגראָבען אינ'ם פליש, אַז אויף עטליכע ערטער האָט זיך אַפילו בעוויזען בלוט.

— וואָס האָסטו געטון, פערעלע, האָט העלענאַ געפרעגט מיט טרעהרען אין די אויגען.

— אַלץ איז מיר אַזוי פערמיאוסט, אַלץ אַזוי איבריג האָט פערעלע געשעפּטשעט, נאָך וואָס האָסטו מיך אָפּגעראַטעוועט, איך בין שוין געווען אין דער העלפט אויף יענער וועלט, אויף דער וועלט פון אמת און גערעכטיגקייט, אויף דער וועלט פון רוה און כבוד, איך האָב שוין געפיהלט די נאָהענטקייט פון דער דאָזיגער וועלט און מיר איז אַזוי גוט געווען... אַזוי גוט... צו וואָס האָסטו מיך, העלענאַ, צוריקגעברענגט פון דאָרט.

— איך האָב מורא פאַר דיר, האָט העלענאַ געזאָגט, זי האָט געציטערט און אַ צאָהן האָט געהאַקט אין צווייטען. אפשר ביזט דו קראַנק פערעלע?

— ניין איך בין נישט קראַנק, נאָר איך האָב געוואָלט פטור ווערען פון מיינע אומגעהויערע ליידען, פון מיין איינזאַמקייט, געוואָלט אויסמיידען מיין טרויעריגע צוקונפט, מיינע אויסזיכטסלאָזע טעג און יאָהרען.

העלענאַ האָט גאָרנישט געענטפערט נאָר שטיל געוויינט, מעגליך, אַז זי האָט געטראַכט, אַז פערעלע איז גערעכט, נאָך וואָס אַזוי שטאַרק ליידען, נאָך וואָס זיך פייניגען, ווען מ'קען דאָס אויסמיידען אין איין אויגענבליק, נאָר אַביסעלע מוט דאַרף מען דערצו און דאַ ואיז אַלץ ערלעדיגט.

— און אפשר? האָט פערעלע איבערגעריסען די שטילקייט.

— ווער רעדט דאָס דאָרטען, ווער פיהרט דאָס דאָרט געשפּרעכען, האָט זיך פלוצים דערהערט די שטים פון דיזשורירענדען טיורמע־וועכטער.

ביידע פרויען זענען שטיל געבליבען און זיך צוגעטוליעט איינע צו דער אַנדערער. עטליכע מינוטען האָט געדויערט די דאָזיגע שטילקייט און דאַן האָט פערעלע געזאָגט

— און אפשר האָסט דו גוט געטון העלענא, וואָס דו האָסט מיך אָפּגעראַטעוועט, אפשר וועל איך דיר נאָך אַמאָל דאַנקבאַר זיין דערפאַר, וואָס וואָלט איינענטליך געווען, ווען איך וואָלט שוין איצט נישט געלעבט? איך וואָלט געבליבען די פערבערכערין, אַלץ אין וואָס מען בעשולדיגט מיך וואָלט בעשטעטיגט געוואָרען און אַנדערע וואָלטען געבליבען אינגאַנצען אונבעשטראָפט, אַנדערע וואָלטען זיך געפרעהט וואָס דיי האָט זיך איינגעגעבען אַרויסצודרעהען פון אַלעמען דורך דעם וואָס איך וואָלט דיי דורך מיין טויט מעגליך געמאַכט, ס'איז גלייכער וואָס ס'איז אַזוי געשעהען...

— אָבער, האָט פערעלע ווייטער געזאָגט איך קען דאָך נישט בלייבען קיין פּאַסיווער אָביעקט, קיין טויטער געגענשטאַנד, מיט וועלכען מען מאַכט וואָס מען וויל, איך קען דאָך נישט געגליכען ווערען צו קיין אָקס, וועלכען מען פיהרט צו דער שחיטה און קען דערויף נישט רעאַגירען, איך מוז די גערעכטיגקייט געפונען, מיין אומשולד מוז דערוויזען ווערען און דאָס נישט קוקענדיג אויף קיין שום שוועריגקייטען, וועלכע איך קען טרעפען אויפ'ן וועג.

פערעלע איז ווידער פערשוויגען געוואָרען. איהר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי האָט שוין צופיל גערעדט און איבעריגענס איז זי דאָך שוין פון לאַנג געווען איבערצייגט, אַז איהר אייגענע רעהאַביליטאַציע קען נאָר קומען דורך קאָמפּראָמיטירען לעאָנען, צי קען זי דאָס טון?

— פאַרוואָס נישט, האָט זי זיך איצט געטראַכט, אויב ס'זאָל זיך אַרויסווייזען, אַז דאָס איז טאַקע דערזעלבער לעאָן דרייהאָרן, וועגען וועלכען העלענאַ האָט גערעדט, האָט ער זיך דאָך מיט איהר אויך גאָרנישט גערעכענט, ער האָט זי די גאַנצע צייט אָפּגענאַרט אויף אַ שרעקליכען אופן, ער האָט איהר ליגען געזאָגט, און בעשווינדעלט. ער האָט איהר נישט דערציילט, אַז ער האָט אַ פרוי מיט אַ קינד, הגם זי וואָלט איהם צוליב דעם נישט וועניגער געליבט, פאַרוואָס־זשע זאָל זי איצט איהר לעבען פערשפּילען צוליב דעם דאָזיגען לעאָן דרייהאָרן...

זי האָט נישט פערענדיגט דעם געדאַנק, ווען זי האָט זיך געכאַפּט

— און ווען דאָס איז נישט דערזעלבער לעאָן דרייהאָרן? וועניג דרייהאָרנס זענען פערהאַן אויף דער וועלט? אויב דאָס איז נישט דערזעלבער, צי דאַרף זי נישט מקריב זיין איהר לעבען פאַר איהר געליבטען?

פערעלע איז שוין די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפען, אויך העלענאַ האָט זיך בעמיהט נישט צו שלאָפען, כדי צו זיין אויף דער וואַך און אָפּהיטען פערעלען, אַז זי זאָל ווידער נישט בעגעהן עפּעס אַ וואַהנזיניגע טאַט.

פערעלע איז געווען צופרידען ווען זי האָט געזעהען ווי די ערשטע זונען־שטראַהלען רייסען זיך אַריין דורך דעם אויבערשטען טייל פון פענסטער, ס'איז איהר עפּעס לייכטער געוואָרען אויפ'ן האַרצען, עפּעס פרעהליכער געוואָרען. צום סוף האָט זי זיך ענטשלאָסען, צוגעגאַנגען צו דער טיר און אָנגעקלאַפּט אויף טורמע־וועכטער

— וואָס איז, האָט זיך דערהערט אַ בייזע שטימע פון דרויסען

— איך וויל נאָך היינט אויסגעהערט ווערען דורכ'ן אויספאָרשונגס־ריכטער, איך האָב עפּעס וויכטיגעס מיטצוטיילען.

— גוט איך וועל וועגען דעם מעלדען.

(פאָרטזעצונג קומט)

וועלטעז קומעז און וועלטעז פערשווינדעז

(וויסענשאַפטליכע שמועסען)

פון ל. באַראַדולין

ווען מען שטודירט געאָלאָגיע שטויסט מען זיך אָפט אָן אָן אַזעלכע מאָדנע בעהויפטונגען, וועלכע מיר קאָנען נישט אַזוי לייכט בעגרייפען און מיר קאָנען זיי זיך נישט פאָרשטעלען. מען לערנט אונז, אַז עס איז גאָר אַ סברה, אַז אַמאָל איז געווען אַ צייט, ווען די נאָרדליכע טיילען פון אַמעריקע, ערגעץ אַרום אַלאַסקאַ, זענען געווען פעראייניגט מיט די נאָרדליכע טיילען פון אַזיע און אַז חיות האָבען געקאָנט אַריבערגעהען פון איין וועלט־טייל אויף אַ צווייטען. אויף די שפּיצען פון הויכע בערג געפינט מען די רעשטלען פון אַזעלכע בעשעפענישען, וואָס קאָנען לעבען בלויז אין וואַסער; דרינגט מען פון דעם, אַז דאָס, וואָס עס איז איצט דער שפּיץ פון אַ באַרג, איז אַמאָל געווען דער באָדען פון אַ ים. ערגעץ איז פערהאַן אַ גרופּע אינזלען; לערנט מען אונז, אויפ'ן גרונט פון געוויסע סימנים, אַז די אַלע אינזלען זענען אַמאָל געווען איין אינזעל, אָבער געוויסע טיילען זייערע האָבען זיך דערנאָך אַראָפּגעלאָזען אונטער'ן וואַסער, איז פון איין גרויסען אינזעל געוואָרען אַ גרופּע קליינע אינזלען.

לייענען מיר עס און מיר גלויבען, ווייל מיר האָבען קיין אַנדערער ברירה נישט. מיר קאָנען נישט דערווייזען, אַז עס איז געווען אַנדערש. און דערצו האָבען מיר צופיל רעספּעקט פאַר די גרויסע געלערנטע, און מיר טראַכטען: „מסתמא ווייסען זיי, וואָס זיי זאָגען; זיי וועלען דאָך נישט געהען אויסטראַכטען פון קאָפּ". אָבער מיר קאָנען זיך נישט פאָרשטעלען, ווי אַזוי שטיקער האַרט, טרוקען, מאַסיוו לאַנד קאָנען זיך פלוצים אויפהויבען פון באָדען און ווערען אַ באַרג, אָדער ווי אַזוי שטיקער לאַנד קאָנען זיך אַראָפּלאָזען אונטער דער אויבערפלאַך פון וואַסער און איבערלאָזען בלויז אָפּגעזונדערטע אינזלען. מיר טראַכטען אויך, אַז מסתמא זענען אַמאָל אויף דער ערד געווען אַנדערע צייטען און אַנדערע הערשיינונגען זענען דאָ פאָרגעקומען.

איז עס ביז אַ געוויסען גראַד אמת: אַמאָל זענען די געאָלאָגישע פּאַסירונגען אויף דער ערד פאָרגעקומען אַ סך אינטענסיווער, האַסטיגער ווי איצט. אָבער אַפילו איצט, אין אונזער צייט קומען פאָר מערקווירדיגע ענדערונגען אויף דער ערד.

אָט קומט אַ בעריכט פון קייפּטאַון, זיד־אַפריקע: אַ שיף איז אַרומגעגאַנגען איבער זידליכע טיילען פון דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן, האָט געזוכט און געזוכט די צוויי קליינע אינזלען „טאָמסאָן" און „לינדסיי", און זיי נישט געפונען. פאַר הונדערט יאָהר האָט מען פון זיי געוואוסט. זיי זענען געלעגען העט ווייט צו זיך אויף דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן, ערגעץ צו מזרח פון די זידליכסטע טיילען פון אַפריקע, שיפען, וואָס פערנעמען זיך מיט פאַנגען וואַל־פיש, פלעגען זיך דאָרט אָפּשטעלען און אָפּרוהען. אויף די גרעסערע לאַנד־קאַרטען זענען די פערצייכענט דורך קליינע פינטעלעך, און פלוצים זענען זיי פערשוואונדען, „ווי אין וואַסער אַריין". און אויב די שיף, וואָס קאָן אין יעדען מאָמענט בעשטימען, מיט דער הילף פון אַ „סעקסטאַנס", דעם גענויען פּלאַץ, וואו זי געפינט זיך אויף דער וועלט, האָט די צוויי אינזלען נישט געקאָנט געפינען, איז עס אַ זיכערער סימן, אַז די זענען טאַקע פערשוואונדען, טאַקע אין וואַסער אַריין אין פולען זין פון וואָרט.

און אויב עמיצער קאָן האָבען אַ שטיקעל צווייפעל אין פערבינדונג מיט די צוויי איינזאַמע קליינע אינזלען ערגעץ אין עק וועלט, איז היינטיגען זומער פאָרגעקומען אַ פּאַסירונג, וואָס איז שוין אויסער יעדען צווייפעל, ווייל עס איז פאָרגעקומען אין אַ געדיכט־בעוואוינטען טייל פון דער ערד, און מיר האָבען פאָטאָגראַפישע בעריכטען וועגען דער פּאַסירונג.

צווישען אַזיע און אויסטראַליען איז פערהאַן אַ גרויסע גרופּע פון גרעסערע און קלענערע אינזלען, זיי זענען כמעט אַלע געדיכט בעוואוינט, הויפּטזעכליך פון די פאָרשטעהער פון דער מאַלאַיער ראַסע. און דאָרטען, צווישען די אינזלען סומאַטראַ און יאַוואַ, איז פערהאַן אַ קליינער אינזעל קראַקאַטאַ. איז מיט אַ יאָהר פופציג צוריק אויף יענעם אינזעל פאָרגעקומען איינער פון די שרעקליכסטע וואולקאַנישע אויסברוכען. אַרום 25 טויזענט מענשען זענען דאַן אומגעקומען אויף יענעם אינזעל אין עטליכע שעה צייט. און דער אינזעל אַליין איז אַזוי צעריסען געוואָרען און טיילווייז געזונקען, אַז געבליבען איז פון איהם בלויז איין דריטעל.

איז דאָס געווען מיט אַ האַלבען יאָרהונדערט צוריק. און יוני, פון 1931, איז צו זיך פונ'ם קראַקאַטאַ־אינזעל פלוצים אַרויס פון ים אַ קליינער אינזעלע, וועלכער איז דערנאָך אָנגערופען געוואָרען „אַנאַק קראַקאַטאַ" (דאָס קינד פון קראַקאַטאַ). דעם 8־טען אויגוסט איז דער אינזעל געווען נאָך אַ 170 פוס הויך איבער ער אויבערפלאַך פון ים. און אויף מאָרגען, דעם 9־טען אויגוסט, איז דער אינזעל פלוצים פערשוואונדען. ער איז בוכשטעבליך „אין וואַסער אַריין". און פיר טעג שפּעטער, דעם 13־טען אויגוסט, איז ער ווידער אַרויס פון וואַסער און האַלט זיך נאָך ביז איצט. ער איז איצט 30 פוס הויך איבער דער אויבערפלאַך פון ים.

פאַר דער צייט זענען אויף איהם פאָרגעקומען עטליכע וואולקאַנישע אויסברוכען. אַעראָפּלאַנען זענען דאַן איבער איהם געפלויגען און אַראָפּגענומען פאָטאָגראַפישע בילדער פון זיין טעטיגקייט. אָט די וואולקאַנישע טעטיגקייט, וואָס קומט פאָר אַזוי אָפט אונטער איהם, האַלטען עס איהם אין הויבען און אַראָפּלאָזען.

Dr. med. REICHER

פּאַלודניאַווע 28, טעל. 20193

ספּעציאַל־אַרצט פאַר מאַגען־שוועכע־בעהאַנדלונג

נעהמט אָן פון 8—11 פריה און פון 5—8 אוונד.

זונטאָג און יום־טובים פון 9—1 בּמיטאָג

דעם רעקאָרד

האָט געשלאָגען די מאָדערנסטע פּערפומעריע

J. DRUKIER

ZAWADZKA 5, TELEFON 175-92

פון רעדוצירען די פּרייזן פון אַלערליי קאָסמעטיק

וועלכע בעזיצט היינט צו טאָג דעם רייכסטען אויסוואַהל פון די נייעסטע

פּערפומען און קאָסמעטיק

און אַלעס צו שטוינענד ביליגע פּרייזען.

פאַר אַנגראָסיסטען — ספּעציעלער ראַבאַט



אין טשיקאַגאָ נעהמט מען זיך בויען אַ נייעם קוואַרטאַל. דאָס בילד ווייזט איינעם פון די וואָלקען־קראַצער פון קוואַרטאַל. דער וואָלקען־קראַצער וועט אָפּקאָסטען 65 מיליאָן דאָלאַר.

12 געזעצע וועגען אימיגראַציע־בעגרענצונגען

ווערן בעטראַכט דורכ'ן אַמעריקאַנער קאָנגרעס

וואַשינגטאָן, (יט"א) די אימיגראַציע־קאָמיסיע פון אַמעריקאַנער קאָנגרעס איז צוגעטרעטען צו בעטראַכטען 12 געזעץ־פּראָיעקטען וועגען פערשידענע אימיגראַציע־בעגרענצונגען. ווי מען רעכענט, וועלען בעת דער דעבאַטע איבער די פּראָיעקטען אויסגעהערט ווערען אויך פאָרשטעהער פון יודישע אָרגאַניזאַציעס.

אייניגע געזעץ־פּראָיעקטען פיהרען פאַקטיש דערצו, אַז די איינוואַנדערונג וועט פולשטענדיג אָפּגעשטעלט ווערען. מיט דער אַקציע געגען די ווייטערע אימיגראַציע־בעגרענצונגען פיהרט אָן קאָנגרעס־מאַן דיקשטיין.

Dr med. H. LUBICZ

ספּעציאַליסט פאַר הויט־, ווענערישע און געשלעכטס־קראַנקהייטען

צוריקגעקעהרט

צעגעלניאַנאַ 7 (פריהער 43) טעל. 141-32

עמפּפאַנגס־שעה'ן 8—10, 12 2 און 5—8, זונטאָג און יו"ט 9—1. פאַר דאַמען בעזונדערער איינגאַנג.

אַ בעל העגלה און דער פויער

(אַ מעשה)

פון יחזקאל באַטשיצסקי.

אין אַ דאָרף נישט ווייט פון שטאָט, האָט געוואוינט איינער אַ גוי. דער גוי האָט פערמאָגט זיין אייגענטום אַ כאַטקע מיט עטליכע מאָרגעס לאַנד. דאָס אייגענטום האָט דער גוי בעקומען בירושה פון זיין טאַטען, דער טאַטע האָט עס בעקומען פון זיידען דער זיידע פון עלטערזיידען אַזוי עד כמה דורות.

דער גוי האָט זיך געפיהרט וואו דער טאַטע זיינער. דער טאַטע וואו דער זיידע, זומער צייט פלעגען זיי בעאַרבייטען ס'פעלד, מיט קאַרטאָפלעס, קאָרן, האָבער און גערשטען, כמעט אַלץ פון זעליכען געברויך האָבען זיי פון דעם פעלד געצויגען אַפילו לען. מיט וואָס זיי האָבען דערפון אויסגעאַרבייט לייוונט אויף העמדער און מלבושים, און די [illegible] האָבען גענוג געטון זייער גאַנצער פאַמיליע. אַזוי האָבען זיי געלעבט במנוחה אָהן דאגות. זומער צייט האָט זיי די זון אויסגעבראָטען, ווינטער ווידער זענען זיי געזעסען ביים אויוון און זיך געוואַרימט, אין די גוטע צייטען נאָך, פלעגט דער גוי איינמאָל איין, אַזוי וואו פון זיין אַרבייט קומט ער נישט ווייט, נאָר תמיד זעהט ער נישט מעהר וואו הימעל און ערד. און זיין אַקער קאָן זיין ווייב נישט קויפען אַזעלכע שיינע קליידער, וואָס די שטאָטישע פרויען טראָגען, וואָס פלעגען זומער צייט דאָ אַהערקומען וואוינען. דאָס האָט איהם שטאַרק געקרענקט הלמאי, אַלע פון שטאָט קענען זיך שיין קליידען זיך גוט, עסען גרויסע קעפּ פיש און געבראָטענע פלישען, און ער האָט נישט מעהר ווי ברויט מיט קאַרטאָפלעס און אַ וועלגיאַק אויפ'ן לייב, דעריבער האָט ער בעשלאָסען צו נעמען זיך צום מסחר, היתכן אַזוי פיל יודען לעבען פון האַנדעל און האָבען אַ לעבען און ער אַ גוי, זאָל זיך נישט פערגינען אַפילו אַ קראָטשעק בראָנפען.

אָבער צו וואָס פאַר אַ מסחר קען זיך אַזאַ איינער אַ פויער זיך נעמען?

ער האָט זיך שואל עצה געווען מיט זיינס אַ קאַמאַטער, דער קאַמאַ האָט איהם גע'עצה'ט, ער זאָל גיין צו זיינס אַ שכן אַ יוד און זיך צוקוקען אין זיינע דרכים פון מסחר און אויך נאָכטון דאָס זעלבע.

דער שכן זיינער יאָסקאַ איז כמעט אַ גאַנצע וואָך נישט געווען ביי זיך אינדערהיים, יעדען פאַרטאָג פלעגט ער איינשפּאַנען זיין פערד און וואָגען און פאָהרען אין שטאָט אַריין אין שטאָט פלעגט ער זיך שטעלען אין אַ רוג גאַס מיט זיין געשפּאַן און ווער פון די אַרומיגע סוחרים האָט געברויכט עפּעס איבערפיהרען פון איין אָרט צום צווייטען, האָט ער געדונגען יאָסקען, יאָסקע איז געווען אַ שטאַרקער, פלעגט הייבען פעק, און זיי לייכט אַרויפוואַרפען אויף דעם פיהרעל און עס איבערגעפיהרט אַזוי יעדען טאָג, — פרייטאָג פאַרנאַכט פלעגט יאָסקע פאַר דעם אָנגעשפּאָרטען געלד פון דער גאַנצער וואָך אַהיימקויפען פאַר זיין בני־בית, פלייש, פיש, חלות, ליכט אָנצוצינדען, און ווין אויף קידוש און אויך אַ פּאָר זלאָטעס אויף דער צווייטער וואָך פאַר'ן ווייב מיט די קינדער. ער אַליין האָט אַ גאַנצע וואָך געהונגערט, נאָר אַהיימקומענדיג אויף שבת האָט ער ליב געהאַט דעם עונג שבת.

אין די שטוב איז געווען ליכטיג, וואַרים. אויפ'ן טיש זענען געלעגען די חלות, פיש און ווין און פלייש.

יאָסקאַ האָט נאָך דער האַרעוואַניע פון דער גאַנצער וואָך זיך געזעצט צום טיש עסען. פּונקט דעמאָלט האָט זיך אויפגעמאַכט די טיר און דער גוי דיין שכן איז אַריינגעקומען, ווייל אין מיטען דער וואָך איז דאָך יאָסקאַ נישט געווען אינדערהיים.

דער גוי זעהענדיג די רחבה ביי זיין שכן, האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגען פאַר קנאה.

יאָסקאַ האָט איהם מכבד געווען מיט אַ טרונק בראָנפען, דער גוי האָט געקריגען קוראַזש און זיך פראָסט געפרעגט:

— ווי געהט עס דיר יאָסקאַ?

יאָסקאַ איז געווען צופרידען דער השומח־בחלקו האָט איהם איצט איבער'ן געדעקטען טיש, און גוטען ריח געמאַכט פערגעסען אין די שווערע דאגות פון דער גאַנצער וואָך, ער האָט איהם געענטפערט:

— אַזוי זיך, נישט שלעכט ברודערל.

— זאָג מיר יאָסקאַ — האָט זיך דער גוי נישט געקאָנט איינהאַלטען — וואָס טוסטו גאַנצע טעג אין שטאָט מיט דיין פערדל און וועגעלע?

— וואָס הייסט וואָס איך טו, — האָט איהם דער בעל הגלה געענטפערט — וואָס עס לאָזט זיך, כ'שטעה אין אַ רוג גאַס, ווען ס'קומט ווער צו און הייסט איבערפיהרען אַביסעל סחורה, איז ממילא, ווען נישט, אוי, ברודערל איז ביטער:

דער גוי איז אַ דערפרעהטער אוועק פון יאָסקען און בעשלאָסען נאָכצוטון יאָסקען דעם בעל־הגלה, קיין געלד האָט אָבער דער גוי נישט פערמאָגט, איז ער ווידער געוואָרען פערזאָרגט און דאָ איז ער ווידער געגאַנגען צו דיין קאַמאַטער זיך שואל־עצה זיין, וואָס ער זאָל דאָ טון, ווען ער האָט נישט קיין געלד.

דער קאַמאַטער האָט איהם גע'עצה'ט ער זאָל גיין צום יוד יאָסקאַ און איהם פאָרלייגען יאָסקאַן אַז ער זאָל קויפען פון איהם פון גוי דיין כאַטע מיט לאַנד, און אויב יאָסקאַ וועט נישט האָבען קיין געלד, זאָל ער איהם אָוועקגעבען די כאַטע מיט'ן פעלד, און יאָסקאַ זאָל פאַר דעם פרייז געבען זיין געשפּאַן.

דער גוי האָט אַזוי געטון וואָס זיין קאַמאַטער האָט איהם גע'עצה'ט.

יאָסקאַ נאָך אַ ישוב הדעת מיט'ן ווייב האָט געמאַכט דעם טויש מיט'ן גוי דעם. יוד איז געוואָרען אַ פויער און דער גוי איז געוואָרען אַ סוחר אַ בעל הגלה.

יעדען טאָג איז דער גוי געפאָהרען אין שטאָט אַריין זיך געשטעלט אין אַ רוג גאַס, כמעט אַלץ האָט ער נאָכגעטון יאָסקאַ'ן געשלעפּט און געהויבען גאַנצע טעג איז ער אָנגעשטאַנען נישט פערדינענדיג קיין גראָשען, די דאגות און שווערע אַרבייט פון יודישע פרנסות האָט איהם אַ קיצעל געטון. ער האָט שוין חרטה געקריגען אויפ'ן געשעפט און געוואָלט ווערען צוריק אַ פויער, ווייל מעהר ווי אויף ברויט, האָט ער נישט פערדינט, אָבער יאָסקאַ, זעהענדיג אַז ס'איז בעסער צו זיין אַ פויער און עסען ברויט מיט קאַרטאָפלעס אָהן דאגות, האָט ער געזאָגט:

— נאָר בלייבט נאָר, מקח בלייבט מקח.

דער גוי נישט האָבענדיג קיין ברירה האָט געמוזט אַרבייטען זומער און ווינטער און קוים אַדורכברענגען די שעה אין טאָג איבערצולעבען. אַזוי איז אַדורך אַ צייט.

ס'איז אָבער געקומען גאָר שלעכטע צייטען דער מסחר האָט אויפגעהערט, סוחרים האָבען אויפגעהערט צו שיקען מיט פיהרען סחורה, און ממילא האָט דער גוי שוין אַפילו אויף דעם טרוקענעם ברויט נישט געקאָנט פערדינען. גאַנצע טעג און וואָכען איז ער אָפּגעשטאַנען אין גאַס מיט זיין פערד, קיינער האָט אָבער נישט געגעבען צו פערדינען קיין פרוטה.

דער הונגער איז שוין איבערגעשטיגען אַלץ און דאָ האָט ער פאַר'ן פערד נישט געהאַט צו געבען צו עסען ער האָט שוין נישט געזאָרגט פאַר'ן ווייב מיט די קינדערלעך, נאָר פאַר'ן פערד וואָס ס'האָט איינגעדאַרט פון טאָג צו טאָג, ער האָט אָבער בעשלאָסען ס'פערד צו פערקויפען, וועט ער כאָטש קריגען דערפאַר 100 זלאָטעס.

ער האָט דאָס פערד אַרויסגעפיהרט אויפ'ן פערדס מאַרק, און דאָ איז ער געשטאַנען ביז פאַרנאַכט.

— הע, וויפיל פערלאַנגסטו פאַר דער שקאַפּאַ?

— האָט איינער מיט אַ קאַמיק בערדעל געפרעגט

— 100 זלאָטעס — האָט דער גוי געענטפערט

דער פערד'ס סוחר האָט זיך איינגעלאַכט — הונדערט זלאָטעס קריגט מען פיר אַזעלכע פגרים

— און וויפיל קאָן איך קריגען [illegible]?

יענער האָט פערגלאָצט די אויגען [illegible] צוגעיאַגט צום פערדל, אַריינגעקוקט אין פיסק אַריין, געציילט די ציין, און אַ שמוץ טוענדיג [illegible] געזאָגט:

— אַ 25־ער גיב איך.

דער גוי האָט זיך אויפגעטרייסעלט און געזאָגט פערפאַלען זאָל עס ווערען אין מיין שטאַל און פאַר מיין 25 זל. וועל איך עס נישט פערקויפען. און ער האָט עס אַהיימגעטריבען צו זיך אין שטאַל אַריין.

און ווידער איז אַדורך א יאָהר, ס'פערד, און די קינדער האָבען געהונגערט, ס'איז נישט געווען א קאַרטאָפעל צו לייגען אין מויל אַריין, ס'איז דאָך א צער בעל־חיים א פערד זאָל הונגערן. האָט ער זיך געטראַכט, ווען עס זאָל זיין א 25־ער איידער ס'זאָל פגר'ן, און ווידער איז ער געגאַנגען אין מאַרק אַריין געשטאַנען ביז נאַכט, און ווידער האָט זיך בעוויזען איינער. און האָט געזאָגט:

— ס'פערד איז נישט מעהר ווערט ווי 15 זל.

דאָס האָט דעם גוי נאָך מעהר אויפגערעגט און ער האָט בעשלאָסען, איידער צו נעמען דערפאַר 15 זל. וועט ער עס בעסער איינגראָבען אויף הפקר אוועקלאָזען. און קומענדיג אין גאַנצעסטען וואַלד אַריין האָט ער אַזוי געטון נאָכגעלאָזט ס'פערד און איז אַהיים געגאַנגען.

— — — — — — — — —

אַ פּאָר טעג שפּעטער ווען ער מיט'ן ווייב זענען געזעסען און געדערט פון די גוטע צייטען פון אַמאָל האָט זיך געעפענט די טיר ס'איז אַריינגעקומען אַ פּאָליציאַנט און געמאָלדען אַז ער האָט מיטגעברענגט, ס'פערד, וואָס איהם דעם גוי איז פערלוירען געגאַנגען, פויערים האָבען עס דערקאָנט, אַז ס'איז זיינס, דער גוי האָט זיך געוועקסעלט און לסוף עס גענומען. דעמאָלט האָט דער פּאָליציאַנט איהם ביגעלייגט אַ פּראָטאָקאָל פון 22 זל. שטראָף וואָס דער גוי מוז בעצאַהלען פאַר נישט פאָרזיכטיגקייט.

אַזוי האָט דער פויער געענדיגט מיט'ן מסחר.

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

פעברואר

זון-אויפגאַנג 6.46
זון-אונטערגאַנג 4.54

זונטאָג
יד
21
אדר א' תרצ"ב

דרינגענדע שטיצע פאר ארבייטסלאזע

דער מאַגיסטראַט איז מודיע, אז מאָרגען, דעם 22 פעברואַר הויבט מען אָן אויסצאָהלען די דרינגענדע שטיצע פאַר'ן חודש פעברואַר, פאַר די אַרבייטס-לאָזע, וועלכע האַלטען אויס אַ פאַמיליע.

נישט פערהייראַטע האָבען נישט קיין רעכט אויף דער שטיצע. די אויסצאָהלונגען קומען פאַר אין לאָקאַל פון אונטערשטיצונגס-אַמט פאַר אַרבייטסלאָזע, זשעראָמסקי 44 פון 9 פריה ביז 2 טאָג, לויט פאָלגענדען סדר:

מאָנטאָג, 22 פעברואַר די נעמען וואָס הויבען זיך מיט די בוכשטאַבען:

A B C D E F G

דינסטאָג, 23 פעברואַר:

H I J K

מיטוואָך, 24 פעברואַר:

L Ł M N O

דאָנערשטאָג, 25 פעברואַר:

P R S

פרייטאָג, 26 פעברואַר:

T U W Z Ż

פראלאנגירט דעם טערמין

פון אננעבען זעזנאניעס אויף הכנסה-שטייער פאר'ן יאהר 1932

(2) לויט ווי מיר דערוויסען זיך, האָט די פינאַנץ-קאַמער בעקומען אַ צירקולאַר פון פינאַנץ-מיניסטעריום מכוח אָפּגעבען זעזנאַניעס אויפ'ן הכנסה-שטייער פאַר'ן יאָהר 1932.

לכתחילה איז דער טערמין געווען בעשטימט אויפ'ן 1 מערץ ה. י.

לויט'ן צירקולאַר ווערט דער טערמין פּראָלאָנגירט ביז'ן 1 מאַי ה. י.

פאטענטען פאר האנדווערקער

דעם 29 פעברואר איז דער לעצטער טערמין

(אַג) אין שייכות מיט'ן מעמאָריאַל פון ראַט פון די האַנדווערקער-קאַמערן מכוח'ן פּראָלאָנגירען דעם טערמין פון אויסקויפען פּאַטענטען אויפ'ן יאָהר 1932 דורך די אונטערנעהמער, וועלכע האָבען אַנומעלט נישט געהאַט די פליכט צו אויסקויפען אַזעלכע פּאַטענטען, און איצט, לויט'ן נייעם געזעץ זענען זיי עס מחויב צו טון, האָט דאָס פינאַנץ-מיניסטעריום, דורך אַ צירקולאַר, פעסטגעשטעלט דעם לעצטען טערמין אויפ'ן 29 פעברואַר ה. י.

ביז דעם טערמין וועלען נישט צוגערעכענט ווערען קיין שטראָפען, אָבער נאָכ'ן 29-טען וועלען די, וואָס וועלען נישט אויסקויפען די פּאַטענטען, אומבעדינגט בעשטראָפט ווערען.

געחלשט פון אויסשעפונג

(2) נעכטען האָט פּאָגאָטאָוויע אינטערווענירט אין 2 פאַלען פון חלש'ן מחמת אויסשעפונג:

אויף זמענטאַרנאַ 10א: ביי דער 25 יעהריגער אַפּאָלאָניאַ דראָושינסקאַ, און אויף מאַגיסטראַצקאַ 21 אין העברעאישען גימנאַזיום צו דעם 14-יעהריגען שלמה ליפּסקי (פון זגערזשער 5).

פון האנדעלס-געריכט

אופּדלאשטש פון „אקצ. געז. יוליוש היינצעל" פאר'ן העכסטען געריכט

וועגען דעם אופּדלאַשטש פון דער „אקצ. געז. יוליוש היינצעל", געהט זייט א לאַנגע צייט אהן א ויכוח וועגען אויסוועהלען א צווייטען סינדיק, אז א חוץ דעם ביז איצטיגען סינדיק אדוו. לאַנגע, זאָל אויך געוועהלט ווערען א צווייטער סינדיק אַדוו. סלאַמינסקי.

דאָס לאָדזער האנדעלס-געריכט איז געווען אין דער מיינונג, אז ס'איז גענוג דער ערשטער סינדיק אַדוו. לאַנגע, מחמת נאָך א סינדיק וועט אריינפיהרען אין נייע אויסגאבען.

עטליכע אַדוואָקאַטען און אַננאַ היינצעל האָבען אריינגעטראָגען 5 אָנקלאַגעס געגען לאָדזער געריכט פארלאַנגענדיג, ס'זאָל בעשטימט ווערען נאָך א סינדיק.

דאָס אַפּעלאַציע-געריכט האָט בעשלאָסען צו וועהלען א צווייטען סינדיק, מחמת צו ליקווידירען אַזא מיליאָנען-אונטערנעמונג איז איין סינדיק צו ווייניג. און בעאויפטראַגט דעם לאָדזער געריכט צו וועהלען א צווייטען סינדיק לויט'ן איינזעהען פון געריכט.

דאָס העכסטע געריכט, וואו דער ענין איז בעטראַכט געוואָרען, האָט בעשלאָסען צוריקצושיקען דעם לאָדזער געריכט, וואו דער ענין זאָל בעטראַכט ווערען ביי א נייעם ריכטער-צוזאַמענשטעל.

דאָס אַפּעלאַציע-געריכט, וואו דער ענין איז אויפסניי בעטראַכט געוואָרען, האָט ווידער אַמאָל בעשטעטיגט דעם פריהעריגען בעשלוס, און נאָמינירט דעם צווייטען סינדיק אדוו. סלאַמינסקי. דאָס אַפּעלאַציע-געריכט האָט בעפולמעכטיגט דעם לאָדזער געריכט איבערצוגעבען דעם אדוו. סלאַמינסקי די ענטגילטיגע דעציזיע, ער זאָל באלד איבערנעמען זיין אמט.

* * *

אויף דער נעכטיגער זיצונג, האָט דאָס געריכט פערעפענטליכט אַנ'אופּדלאַשטש דער פירמע „אברהם קוויאַט", פאבריק פון זייד-אויסאַרבייטונגען (פּיעטר. 49). די קרעדיטאָרען האָבען געפאָדערט קוויאַט'ן איינצוזעצען אין ארעסט. דאָס געריכט האָט אָבער די פאָדערונג אָפּגעוואָרפען ק. איז נאָר געשטעלט געוואָרען אונטער פּאָליציאישער אויפזיכט.

* * *

מיט עטליכע טעג צוריק, האָבען מיר מיטגעטיילט וועגען דעם אופּדלאַשטש פון דער פירמע „אוטאָ טראַנספּאָרט", דער דאָזיגער פירמע איז פערעפענטליכט געוואָרען צוויי אופּדלאַשטשען: איין אופּדלאַשטש אויף דער צענטראַלע אין לאָדז, און א צווייטער אופּדלאַשטש דער פיליע אין לעשנאָ, וואו די פירמע איז רעגיסטרירט אין האַנדעלס רעגיסטער.

געגען דעם האָט פּראָטעסטירט די פירמע אַנווייזענדיג, אַז אויף איין פירמע קען מען נישט פערעפענטליכען צוויי אופּדלאַשטשען. אויך אַ טייל פון די קרעדיטאָרען זענען געווען אין דער מיינונג.

געגען דעם אורטייל, האָט איינער פון די קרעדיטאָרען אַפּעלירט צום אַפּעלאַציע-געריכט.

דער דאָזיגער טשעקאַווער פּראָצעס וועט די טעג בעהאַנדעלט ווערען אין אַפּעלאַציע-געריכט.

פסק-דין אין ווארש. געריכט אין פראצעס איזדעבסקי-טיבער

אין וואַרשאַווער שטאָטישען געריכט איז נעכטען פאָרגעקומען דער פּראָצעס געגען פעליקס טיבער, וועלכער איז אָנגעקלאָגט געוואָרען דורכ'ן לאָווניק ראָמאַן איזדעבסקי פאַר רכילות.

אין יאָהר 1929 האָט פעליקס טיבער, דערווייסענדיג זיך, אַז די פּוילישע אַספאַלט-געזעלשאַפט בעמיהט זיך אין לאָדזער מאַגיסטראַט וועגען די אַספאַלט-אַרבייטען, זיך געווענדעט צום דירעקטאָר פון דער פּוילישער אַספאַלט-געזעלשאַפט, ה' קאַשינאָווסקי וועגען פערמיטלען ביים לאָדזער מאַגיסטראַט, פאָדערענדיג דערביי 5 פּראָצ. פּראָוויזיע. טיבער האָט ערקלערט, אַז ער קען זיך גוט מיט דעם לאַווניק איזדעבסקי און אַז ער וועט איהם זיכער אונטערשטיצען. דיר. קאַשינאָווסקי האָט דאָס פערשטאַנען, אַז די 5 פּראָצ. פּראָוויזיע, וואָס טיבער פאָדערט האָבען אויך אַ שייכות צו דער פּערזאָן פון לאַווניק איזדעבסקי. דירעקטאָר קאַשינאָווסקי האָט נישט געמאַכט קיין געברויך פון טיבערס פאָרשלאַג, נאָר וועגען געשפּרעך מיט טיבערן האָט ער געמאָלדען דעם פאָרשטעהער פון מאַגיסטראַט. טיבער האָט זיך וועגען דעם דערוואוסט און ער האָט אָנגעשריבען א בריף צום מאַגיסטראַט צום וויצע-פּרעזידענט ד"ר וויעלינסקי, אין וועלכען ער דריקט אויס זיין בעדויערען צוליב זיין האַנדלונג און בעט, אַז דער מאַגיסטראַט זאָל נישט אַרויסטרעטען געגען איהם געריכטליך, ווייל דאָס וואָלט איהם רואינירט.

דאָס געריכט האָט פאַראורטיילט טיבערן אויף 500 זל. שטראָף אָדער אויף צוויי חדשים אַרעסט.

„אינדישער בעל-מופת" וואס „היילט" ראק מיט „הייליג וואסער"

אנ'אויסטערלישער איינפאל פון א לאדזער ארבייטער

(2) אין דאָרף זשאַרנאָוו, לאָסקער קרייז וואוינט סטעפאַן בארטאַשעק. זיין פרוי אַננאַ איז שוין אַ לאַנגערע צייט קראַנק אויף אַ מאַגען-ראַק. זי האָט זיך שוין קורירט ביי פערשידענע דאָקטוירים, און דער סוף איז, אַז זי ראַנגעלט זיך מיט'ן טויט.

די טעג איז צו בארטאַשעק'ן געקומען אַנ'אומבעקאַנטער מענש, און זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער איז א דאָקטאָר אַ בעל-מופת, א ספּעציאַליסט אויף צו פערטמיען ראַק'ן מיט'ן נאָמען גאַלטשינסקי.

דערביי האָט ער דערציילט אַ גאַנצע מעשה וועגען זיין דאָקטאָרישער קאַריערע. אַז ער איז אַ לאַנגע צייט געווען אין אינדיען, וואו ער האָט זיך אויסגעלערנט היילען פערשידענע קראַנקהייטען, הויפּטזעכליך – ראַקען. אַט איז ער טאַקע געקומען העלפען זיין ווייב, אַננאַ. אין לשם רעקלאַמע, וועט ער פאַר דער גאַנצער „אָפּעראַציע" נעמען נאָר 10 זל. ער דאַרף אויך האָבען פינף 5 זלאָטי-שטיק און אַ נישט גענוצטען טאָפּ און א שטיקעל אייז פון נאָהענטען טייך. ער האָט דערביי ערקלערט, אַז דאָס אייז וועט פערטרעטען דאָס וואַסער פון דעם הייליגען טייך אין אינדיען, און די 5 זלאָטי-שטיקען וועלען פערטרעטען אינדישע מאָנעטעס.

אַז דער בעל-מופת האָט בעקומען די נויטיגע האָקוס-פּאָקוס-אַרטיקלען, האָט ער אין דעם טאָפּ אַריינגעלעגט דאָס שטיקעל אייז און אין אַלע פיר עקען האָט ער אַוועקגעלעגט די זלאָטיס, וועלכע ער האָט בעשיט מיט „עפּיס אַ„אנקת מסלדיך-פראַשעק", ארומגעבונדען מיט א טוך, און געהייסען אַוועקשטעלען אין אַ פינסטערע שטוב אויף 24 שעה. נאָך די 24 שעה דאַרף די קראַנקע טרינקען פון דעם „הייליגען וואַסער" פון וואָס ס'וועט צו איהר קומען א רפואה שלמה...

בארטאַשעק האָט אזוי געטון, ווי דער „פּראָפעסאָר" האָט געהייסען, און אין משך פון די 24 שעה, האָט דער יונגערמאַנטשיק געמאַכט פליטה פון דאָרף.

די קראַנקע האָט געטרונקען פון דעם „מים-חיים", און פערשטעהט זיך אַז דער קראַנקער איז געוואָרען ערגער.

דערוויסענדיג זיך, אַז דער „פּראָפעסאָר" האָט עוקר געווען, האָט דער מאַן מיטגעטיילט דער פּאָליציי און נאָך אַ גענויע חקירה ודרישה האָט די פּאָליציי אין דעם נאָהענטען שטעטעל קאָזשמינעק ארעסטירט אַ געוויסען וואַצלאַוו שטשאַנינסקי, אַנ'אַרבייטער פון לאָדז (קעלמאַ 15) אין וועלכען דער באַאַוער פויער האָט דערקענט דעם אינדישער גאַלטשינסקי".

ש. האָט זיך מודה געווען, ער האָט איבערגעגעבען, אַז ער איז א רעדוצירטער אַרבייטער פון אַ לאָדזער פאַבריק – שטשאַנינסקי איז איינגעזעצט געוואָרען אין תפיסה.

פראטעסט-רעזאלוציע

געגען דער געפלאנטער רעדוקציע פון סאציאלע פערזיכערונגען

(2) נעכטען איז אין לאָקאַל פון די קלאַסען-פעראיינען (פּיעטרקאָווער 64) פאָרגעקומען אַנ'אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון די פאַבריקס-דעלעגאַטען און פערטרויאונגס-מענער פון טעקסטיל פערבאַנד ביי די קלאַסען-פעראיינען (פּראַקעס) מכוח'ן אויסדריקען אַ פּראָטעסט געגען די געפּלאַנטע רעדוקציעס פון סאָציאַלע-אָפּצאָלען. וועגען אַ קאָלעקטיווען אָפּמאַך און מכוח'ן צוזאַמענרופען אַ קאָנפערענץ מיט דער נישט-אָרגאַניזירטער אינדוסטריע.

וועגען די אַלע ענינים זענען אָנגענומען געוואָרען ענטשפּרעכענדע רעזאָלוציעס, וועלכע וועלען איבערגעשיקט ווערען אין אַרבייטס-מיניסטעריום און אין סיים-קלוב.

א סכנה ס'זאלען דערוויטערט ווערען

די לעהרער, וואס בעזיצען נישט קיין דיפלאמען

(ב) אין שייכות מיט דער רעאָרגאַניזאַציע פון שול-וועזען, ווערט פאָרויסגעזעהן, אַז היי-יאָהר נאָך וועט ליקווידירט ווערען אַ סך ערשטע גימנאַזיאַל קלאַסען, און מחמת דעם וועלען איך פערקלענערט ווערען די עטאַטען פון די לעהרער, וואָס בעזיצען נישט קיין דיפּלאָמען און וואָס זענען בעשעפטיגט אין די דאָזיגע קלאַסען.

די לעהרער-סעקציע פון די מיטעל-שולען ביים פּוילישען לעהרער-פערבאַנד אין לאָדז רעדט איצט אַרום דעם דאָזיגען ענין.

Prywatne POGOTOWIE LEKARSKIE
ZIELONA 6,
Telefon 12-333
tel. 12-333
tel. 12-333
ערטיילט דרינגענדע ערצטליכע הילף אין אלע פלוצימדיגע פארפאלען צו יעדער צייט ביי טאג און ביינאכט ווי אויך אין אלע אקושעריע און גינעקאלאגישע הילף.

לאמפען
אין א גרויסען אויסוואהל
מאדערנסטע סטיל - ארטען
צו רעדוצירטע פרייזען
עמפפעהלט די בעקאנטע
לאמפען-פאבריק
SZ. P. SZMALEWICZ
Południowa 8, telefon 164-39
פיהרט אויס בעשטעלונגען לויט אנגעגעבענע צייכנונגען.

נאך דער בודזשעט-דעבאטע אין שטאט-ראט

ווען דער שטייער-צאהלער איז א בר-מנן...

די בודזשעט-דעבאטע אין לאדזער שטאט-ראט איז פערענדיגט. הגם ס'איז געקומען צו עטליכע רייך-פערזענליכע שטורמישע מאמענטען, איז אין אלגעמיין די דעבאטע אדורך רוהיג.

אין אמת'ן, וואס איז זיך דא געווען צו אמר־פערען? א בודזשעט-דעבאטע איז דאך געגליכען להבדיל, ווי א מחלוקה צוליב א ירושה, איז דער געשטארבענער געווען א מאסיווער גביר, האט ער איבערגעלאזען א גרויסע „מאטניא", מיט הייזער און אלע גוטע זאכען, דעמאלט גורטען זיך די יורשים אן די לענדען און מען גרייט זיך צו דער גרויסער מלחמה ווענען פערטיילען די ירושה. מ'־ חיל נישט צולאזען, אז דער תקיף, דער שטארקער זאל בעקומען מעהר. מיט איין ווארט, ס'איז לעבעדיג באכ'ן סויטען. איז אבער דער פערשטאר־בענער געווען א גרויסער ארימאן, דעמאלט זענען די יורשים ארומגענומען מיט א גרויסען און אנ־ אויפריכטיגען טרויער, מ'קוקט זיך איינער דעם אנדערען שטום אן און מ'זיפצט. די מחלוקה איז אנ'איבעריגע.

דאסזעלבע איז אויך בעת א בודזשעט-דעבאטע פון שטאט-ראט. ס'איז דער שטייער-צאהלער נאך „פעסט אין די פוגעס". מ'ווייסט, אז מ'וועט נאך קענען ביי איהם שלעפען און דריקען. גורטען זיך די ריכטונגען אן די לענדען, ווילען נישט דערלאזען, אז די מעהרהייטס-פראקציע זאלען געניסען און ווילען אויך אפלעקען א ביינדעל פון דער שטייער-ירושה, אז דער שטייער-צאהלער, איז לא עליכם, א פולשטענדיגער בר-מנן, אז ער האט נישט איבערגעלאזען קיין גאנץ בענקעל אין שטוב, ווע־ גען וואס גייז זיך, מ'שטיינס-געזאגט דא צו אמר־ פערען....

האט זיך די בודזשעט-דעבאטע שנעל פער־ ענדיגט.

יודען איז מקנא צו זיין

ראטמאן וואיעוואדזקי האט בעת דער בודזשעט־ עבאטע שטארק מקנא געווען יודען. דאס איז געוויס דאס ערשטע מאל אין זיין לעבען, ווי ער האט זיך פאסמאקעוועט מיט'ן „וואוילטאג" פון יו־ דען, וואס איז? ס'זענען פארהאן פיל קראנקע יודען און דער פראצענט יודען אין די שפיטעלער איז גרויס. און ס'שוט דעם נ.פ.ר.'ישען ראטמאן וועה דאס הארץ, וואס מען פעריודישט די שפיטע־ לער, אז יודען קענען נאך, חלילה, זיין אין דער מעהרהייט דארט. די יודען־געפאהר איז אלזא גרויס.

קיינער וועט אונז זיכער נישט חושד זיין, אז מיר זענען פון דיזעלבע אנשי־איינגען, וואס ראטמאן וואיעוואדזסק און אזוי ווי מיר זענען שטענדיג גע־ גען זיין מיינונג, ווילען מיר איצט דאך מיט איהם מיטשטימען. מיר זענען אויך אין דער מיינונג, אז די צאהל קראנקע יודען איז צו גרויס, אז דער פראצענט פון קראנקע יודען וואלט באמת געדארפט זיין קלענער, אז די שפיטאלען זאלען נישט פעריודישט ווערען, דוכט זיך, דאס ערשטע און לעצטע מאל ווען מיר זענען פולשטענדיג מסכים מיט'ן ראטמאן וואיעוואדזקי.

וואו ס'איז פערהאן א שטארקע אויפזיכט

אין די קולוארען פון שטאט-ראט, בעת דער איצטיגער בודזשעט-דעבאטע האט מען זעהר פיל גערעדט וועגען דעפוטאט מינצבערג. מ'האט געשמו־ עסט; דעפוטאט מינצבערג האט גערעדט בעת די בודזשעט-דעבאטע אין סיים און אויך אין שטאט־ ראט, סיי אין סיים און סיי אין שטאט-ראט האט ער ארויסגעזאגט קריטישע ווערטער. פרעגט זיך דאך א שאלה, פארוואס האט דעפוטאט מינצבערג געשטימט אין סיים פארן בודזשעט און אין לאדזער שטאט-ראט געגען, ווען לויט זיין מיינונג בעקומען דארט יודען גארנישט און דא גארנישט, האט מען דאס פערענטפערט טאקע מיט דער רעדע פון דעפ. מינצבערג גופא, אין לאדזער שטאט-ראט. ער האט נעמליך געזאגט: „דאס נייע זעלבסטפערוואלטונגס־ געזעץ, וועלכע ווערט אזוי שטארק בעקעמפט איז געקומען צוליב דעם, וואס פיל שטאט - ראטען, בתוכם אויך דער לאדזער, דארפען האבען א שטאר־ קע אויפזיכט". דעם דאזיגען זאץ האט מען אין שטאט-ראט פערשטאנען אלס פערטיידיגונגס-רעדע פאר דעפוטאט מינצבערג. דא וואו ס'איז נישט פארהאן קיין שטארקע אויפזיכט קען מען זיך ערלויבען צו שטימען געגען בודזשעט, אבער דארט וואו ס'איז פאראן, א שטארקע אויפזיכט....

ווי אזוי זאלען מיר דאס פערשטעהען

די דריטע לעזונג פון בודזשעט. די ציוניס־ טישע פראקציע איז נישט אנוועזענד. אבער דאך וואלט זיך געוואלט וויסען, צי האט די ציוניסטישע פראקציע געשטימט פאר'ן בודזשעט אדער געגען. האט דאך ראטמאן ביאלער ביי דער גענעראל־ דעבאטע ערקלערט, אז די ציוניסטישע פראקציע מאכט אפהענגיג דאס שטימען פאר'ן בודזשעט פון די אויסבעסערונגען, וואס וועלען אנגענומען ווערען. פון דער ווייטערדיגער דעבאטע ווייסען מיר אבער נישט, וועלכע אויסבעסערונגען ראטמאן ביאלער האט געוואלט ס'זאלען אנגענומען ווערען, צי די אנגענומענע אויסבעסערונגען האבען איהם צופרי־ דענגעשטעלט און ווי אזוי איז די שטעלונג פון דער ציוניסטישער פראקציע צום בודזשעט.

דאס וואלט זיך, אבער דאך געוואלט וויסען, דאס איז דאך אנ'אפשפיגלונג פון דער פראקציע־ ארבייט אין פערלויף פון גאנצען יאהר.

אלזא, ווי אזוי זאלען מיר דאס פערשטעהען?

דאס איז נישט מאראליש

לאוניק סמאליק, דער פיהרער פון דער קול־ טור- און בילדונגס-אפטיילונג ביים מאגיסטראט, האט בעוויליגט צו זאגען, אז ס'וואלט געווען נישט מאראליש, ווען פאר די יודישע קינדער אויף די מאגיסטראט-קאלאניעס זאל איינגעארדענט ווערען א בעזונדערע יודישע קיך. מיר ווילען דא נישט דיסקוטירען וועגען עצם ענין, וועגען עצם פראבלעם אבער, אז א כשר'ע קיך פאר קינדער פון די על־ טערען, וואס פערלאנגען דאס זאל זיין א נישט־ מאראלישע זאך, דאס פערשטעהען מיר בכלל נישט. מיר האלטען, אז דאס איז איינע פון די אריגינעלע מיינונגען פון לאוניק סמאליק אין דעם מאגיסטראט. הלמאי לאוניק סמאליק האט אנ'אריגינעלע מיינונג, טראץ זיינע סאציאליסטישע חברים, אז די יודישע פאלקס-שולען דארפען נישט סובסידירט ווערען?

'ספערדריסט נאר, וואס טאקע דיזעלבע סא־ ציאליסטישע חברים, טיי די פוילישע און סיי די יודישע, מאכען נישט אויפמערקזאם דער עפענט־ ליכער מיינונג, אז דאס זענען אריגינעלע מיינונגען פון לאוניק סמאליק.

די יודישע שאצערס

פון אינדוסטריע-שטייער ביי די לאדזער פינאנץ-אמטען

(2) עס זענען אויסגעוועהלט געווארען פאל־ גענדע יודען אלס שאצערס פאר די ענינים פון אינדוסטריע-שטייער:

הענריק רעכטמאן (פיעטריקאווער 207), וואלף זבאר (וואולטשאנסקא 66), יעקב נירענשטיין (פיעטריקאווער 123), הערמאן זשמיגראד (11 ליסטאפאד 99), אברהם ווייגבוים (אגראדאווא 3), נחמיה הערצבערג (נאווראט 18), גרונם ביסטער (אגראדאווע 9), לייב שמולעוויטש (אל. 1 מאי 83), פר. טשאמאגסקי (שרודמיעסקא 43), סאמועל פיינ־ בערג (וואולטשאנסקא 19), לוי פרומעס (זאכאדניע 51), יעקב קאמינסקי (שרודמיעסקא 43·45), פיאטר כארי (פיעטריקאווער 37), זיגמונד ווארשאווסקי (פיעטריקאווער 37), שמואל טאלמאן (פיעטריקא־ ווער 19), מוריצי פוקס (ליפאווע 45), דוד ווי־ שעחיאנסקי (זשעלאנא 8 א), שמואל קלאץ (אל. קאשטשושקי 10), אברהם ציטרין (וואלבארסקא 44), יוסף וואלפיש (קרוטקא 12), חיים צוקער (זגער־ זשער 16), יעקב קאלעצקי (קאליסקא 16), חיים ברייטבארד (אנדזשעיא 18), זעליג קליין (זשגאוו־ סקא 3), מרדכי קרגל (לעאנארד-מארק), חיים ניצ־ קי (קאשטשעלנא 6) הענריק ווינאווער (זגערזשער 1), יחזקאל קירשנער (בזשעזשינער 21), יעקב ליבראך (פאמארסקא 38), שיע סענדאוואסקי פאלודניאווא 5), יעקב שטיין (פיעטריקאווער 6), לייב ראזענבערג (נאוואמיעסקא 19), משה וואלפסאן (פילסודסקי 17), סאמועל גאלדגליק זגאיניקאווא 30), עמאנועל שיקער (פאלנאצנא 1) פעליקס האפמאן (ציגעל-גאס 84), בנימין גליקס־ מאן (פיעטרקאווער 20), לעאן מאזור (פאלודניאווא 9) וואלף לעווין (פיעטרקאווער 18) דוד בערקא־ חיטש (פיעטרקאווער 44) יעקב גלייבמאן (ציגעל־ גאס 1) ווילהעלם שיפמאן (נאווראט 4) איזיראר וויינשטיין (מאניושקי 10), הענריק אקאוויע (פיעט־ ריקאווער 56). ד"ר סאביאן קלאזענבערג (שענקצ־ וויטש-גאס 3·5), וואלף אולינאווער (נארוטאוויטש 11), עמאנועל ריזענבערג (שרודמיעסקא 10). יצחק ענגעל שענקעוויטש-גאס 75), יוזף ניימאן (פיעט־ ריקאווער 120). פינקוס האלענדערסקי (פיעטריקא־ ווער 114), נפתלי פיוולאוויטש (דאמבראווסקא 51). ק. מאניק (פוסטא 30), שיע לאנדוי נאפיור־ קאווסקיעגא 16), יצחק שטערלינג (ליבנא 45),

פון „תוצרת ארץ-ישראל"

די לייטונג פון „תוצרת ארץ ישראל" אין ווארשא האט בעשלאסען אין די חדשים אדר—ניסן אדורכצופיהרען א ברייטע פראפאגאנדע פאר „תוצרת הארץ" בכדי צו פערפילפאכען דעם אומ־ זאץ, ס'ווערט אויך אנגענומען שריט די פראדוקטען צו פערביליגערען. געוויסע ארטיקלען ווי דער יפור פאמעראנץ, שמן זית זך, זענען שוין ביים היינטיגען טאג קאנקורענץ-פעהיג מיט אנדערע אויסלענדישע ארטיקלען. די געז. „תוצרת ארץ־ ישראל" אין לאדז גיט איצט ארויס א ספעציעלען זשורנאל געווידמעט די פראפאגאנדע פון תוצרת הארץ אין הסכם מיט'ן בעשלוס פון דער ווארשא־ ווער צענטראלע צו פערפילפאכען דעם אומזאץ פון דעם פערקויף פון ארץ-ישראל'דיגען פראדוקט, די לאדזער יודישע בעפעלקערונג וועט געוויס אזוי ווי ביז איצט ווייטער מיטהעלפען דאס פער־ שפרייטען די ארץ-ישראל'דיגע פראדוקציע אין אונזער שטאט.

בענייאונג פון „בית-עם"

די טעג איז פארגעקומען אין לאקאל פון דער יודישער פאלקס-אוניווערזיטעט א בעראטונג פון בעקאנטע עסקנים וועגען בענייען דעם „בית־ עם" איי אונזער שטאט.

נאך א לענגערער מיינונגס-אויסטויש, איז אויסגעוועהלט געווארען א קאמיסיע, וועלכע דארף אויסארבייטען א גענויען פלאן פון דער ארבייט סיי אויפ'ן עקאנאמישען סיי אויפ'ן קולטורעלען געביט.

א נייע מעבעל-פירמע אין לאדז א. נ. „טעקסאן"

דינסטאג דעם 16 ד. ח. איז ביי אונז אין שטאט געעפענט געווארען א נייע מאדערנע מעבעל־ פאבריק אונטער דער פירמע „טעקסאן" אויף נארו־ טאוויטשא 6, טעל. 227·95. די אויבענדע מאנטע פירמע געפינט זיך אונטער דער לייטונג פון לאנג־ יעהריגען פאכמאן אין דער מעבעל-בראנזשע ה' ביטענטענפעלד. ביים מעבעל-לאגער געפינט זיך אנ'ארכיטעקטישע ביורא, וועלכע ערטיילט גערן אומזיסט פערשידענע אנווייזונגען וועגען איבער־ בויען געשעפטען א. א. וו. מ'איז צו האפען, אז די פירמע „טעקסאן" וועט זיך קירצליך ערווערבען דעם צוטרוי פון אלע לאדזער ספעריען.

אפטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורען

(2) היינט ביינאכט דיזשורירען: י. קאפ־ ראווסקי (נאוואמיעסקא 15) ס. טראוקאווסקא (בזשעזשינער 56), מ. ראזענבלום (שרודמיעסקא 21), מ. בארטאשעווסקי (פיעטריקאווער 95), י. קלופטא (קאנטנא 54), ל. טשינסקי (ראקאטשינער 53).

מען זוכט און מען כאפט

שמוגלערס פון דייטשען טאבאק און פון סאכארין

(2) לויט ווי עס אינפארמירט אונז דער לאדזער צאל-אמט. זענען לעצטענס ארעסטירט געווארען א גאנצע רייה פערזאנען אין דער לאדזער וואיעוואדזטווע, ביי וועלכע מ'האט געפו־ נען געשמוגעלטען דייטשען טאבאק און גרעסערע סכומים סאכארין.

צווישען אנדערע זענען ארעסטירט געווארען אין זדונסקא וואליא חיים און צירעל קאן (קאש־ טשעלנא 27), ביי וועלכע מען האט געפונען 2 קילא סאכארין.

לעצטע 4 טעג פון דער ווייסער וואך

אין „קאנסום" ביי דער ווידזעווער מאנופאקטור

די ווייסע וואך פון „קאנסום" ביי דער ווידזעווער מאנופאקטור", וואס האט באלד פון אנהויב זיך ערווארבען די אנערקענונג פון דער גאנצער לאדזער בעפעלקערונג, ווערט שוין באלד פערענדיגט.

דער „קאנסום" אויף דער ראקיטשינער 54 האט ווידער בעוויזען, אז ר'איז די ביליגסטע איינקויפס-קוועלע פון זעמטליכע סחורות. גאנץ לאדז דארף אויסנוצען די לעצטע 4 טעג פון דער ווייסער וואך אין איינקויפען צו שפאט ביליגע פרייזן אלערליי ווייסע סחורות, וואס זענען ביליגער ווי קאנקו ענץ-פרייזען, מ'בעקומט אויך גצוועהנליכע און עלעקטרישע אייזענס, ווישמאטשקעס פון אייגענער אויסארבייטונג צו 55 זל. א שטיק.

אלזא — אלע קומט איינקויפען נאר אין „קאנסום", ביי דער ווידזעווער מאנופקטור".

בעסער טויט, איידער ארעסט

אזוי האלט איינער א שיכור, און הענגט זיך אויף

(2) דער 27-יאהריגער ארבייטער אדאלף חיימאן פון דארף פלאציע-סטאקי לעם לאדז איז בטבע געווען א מורא'דיגער שכור און סקאנדאליסט.

אזוי ווי דאס געריכט האט איהם לעצטענס פעראורטיילט צו בעצאהלען א געוויסע סומע שטראף, און ער האט, מחמת ארבייטסלאזיגקייט, נישט געהאט מיט וואס צו בעצאהלען, האט ער בעשלאסען: איידער גיין זיצען אין טורמע — בעסער שטארבען.

ובך הוה: נעכטען האט מען איהם א טוי־ טען געפונען הענגען אויף א בוים אין לאגעוויניצ־ קער וואלד.

TARYFA PORANNA w Tramwajach.

Zarząd K.E.Ł. kumunikuje, że od dziś, niedziela, dn. 21 lutego włącznie, taryfa poranna (15 gr.) obowiązywać będzie już od chwili rannego wyjazdu poszczególnych pociągów, nie zaś, jak doi ąd dopiero od godz. 4-ej rano 1128

ד"ר וואלפגאנג פאן-וואיזעל אין לאדז

מארגען, מאנטאג קומט קיין לאדז דער פיה־ רער פון די רעוויזיאניסטען אין ארץ-ישראל, דער גרויסער קענער פון אראבער-פראבלעם ד"ר וואלפ־ גאנג פאן-וואיזעל.

8.30 אווענד וועט ד"ר פאן וואיזעל האל־ טען אין „הזמיר" א רעפעראט א. ד. ט. „אנ'אראבישע מלוכה צי א יודיש „ארץ ישראל".

6 א זייגער נאכמיטאג וועט פאן וואיזעל אנגעמען אין „גראנד-האטעל" די פערשטעהער פון דער היגער פרעסע אויף א פרעסע-קאנפערענץ.

דאס קימען פון ד"ר וואלפגאנג פאן וואיזעל קיין לאדז ווי אויך זיין רעפעראט, האט ארויסגע־ רופען אין די ברייטע ציוניסטישע קרייזען א גרוי־ סען אינטערעס.

היינט — רעציטאציע-אווענד פון א"י-דיכטער פאפיערניקאוו

היינט, זונטאג, 8.30 אווענד וועט אין דער פאלקס-אוניווערזיטעט ביי דער ציוניסטישער ארגא־ ניזאציע פארקומען א רעציטאציע-אווענד פון בע־ קאנטען א"י דיכטער י. פאפיערניקאוו. אין פראגראם לירישע א"י-מאטיוון (פון די ביכער: „אין זוניגען לאנד", „גאלדענע זאמדען" און אויך נייע נאך נישט פערעפענטליכטע שאפונגען).

היינט—קאנצערט אין „הזמיר"

אויפ'ן היינטיגען קאנצערט אין „הזמיר" וועט אויסער די שאפונגען פון די בעדייטענדסטע קאמפאזיטארען ווי: באך, גריעג, הענדעל א.א.וו. וועט אויך געגעבען ווערען צום ערשטען מאל די שאפונגען פון יונגען מוזיקער הענריק יאבלאן. דאס פראגראם פיהרט אויס דער כאר, סאליסטען און סימפאנישער ארקעסטער פון „הזמיר". —

היינט דאווענט מעריב דאס לאדזער וואונדער-קינד לייזער'ל פרידמאן

היינט, זונטאג דאווענט אין בערלינער זאל מעריב דאס לאדזער וואונדער-קינד, לייזער'ל פרידמאן, מיט'ן אנטייל פון כאר אונטער דער לייטונג פון דיריגענט סאקאלאווסקי.

„מיט פייער און שווערד" אין „פאפולארני"

געשפילט פאר די יודישע מיטעל-שולען

מאנטאג, דעם 22-טען פעברואר ד. י. 4 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר אין זאל פון גייער'ן פיעטרק. 295 א פארשטעלונג אונטער דער קינסט. לייטונג פון דיר. י. פילארסקי.

ס'ווערט געגעבען די היסטארישע דראמע א.ג. „מיט פייער און שווערד" אין 4 אקטען, לויט דער ערצעהלונג פון הענריק שענקעוויטש.

פרייזען פון די בילעטען פון 50 גר. ביז 1 זל.

פרעמיערע פון „מסעות בנימין השלישי" אין „הזמיר"

ווי ס'איז געווען פאראויסגעזעהן. האט די גאהנסטע פרעמיערע פון מענדעלי מוכר ספרים „מסעות בנימין השלישי" ביי דער יודישער טעאטער-סטודיע אין „הזמיר" ארויסגערופען א פראכטיגע אינטערעסירונג.

מיט דער קינסטלערישער אנפירונג פון ווערק פערנעמען זיך די ה"ה: אידעם — רעזשי. יצחק ברוינער — דעקאראציעס און קאסטיומען. דוד בייגעלמאן — מוזיק. איזא הארארי - פלאסטיק און טענץ, וואס ס'גיט די געהעריגע גאראנטיע דאס די פרעמיערע וועט ארויס מיט גלאנץ. די פרע־ מיערע קומט פאר פרייטאג.

אויסשטעלונג פון קינסטלער כהנא

היינט 5 אזייגער נאכמיטאג עפענט זיך אין לאקאל פון דער בני-ברית-לאזשע די אויסשטעלונג פון בעקאנטען קינסטלער כהנא.

דזשעק רעכטצייט גענומען מיט שטורם דעם לאדזער טעאטער-עולם

די גאסטשפילען פון דעם בעריהמטען אמע־ ריקאנער בוף-קאמיקער דזשעק רעכטצייט אין לאד־ זער פילהארמאניע. יוא ס הבען זיך אנגעהויבען פאריגען פרייטאג האבען געהאט גרויס ערפאלג. היינט ווערט געגעבען יאנקעלע כוואט מיט רעכט־ צייטען לטובת דער געזעלשאפט בית-יתומים זגער־ זשער 40.

ביי שטוהל־פערשטאָפּונג

פעררע־גנגס־שטערונגען, מאָגען־ברענען, וואַלונגען קאָפּשמערצען, אָנגעמבּענע שלעכטע בעפינדונג, דאַרף מען נעהמען פרימאָרגענס אַ גלאָז נאַטירליך ביטערוואַסער

1130 **Franciszka Józefa**

צו בעקומען אין אַלע אַפּטייקען און סקלאַדי־אַפּטעטשנעס

אומזיסטע רייזעס קיין א"י

פּרעמיען־לאָטעריע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פּוילען האָט אָרגאַניזירט אַ פּרעמיען־לאָטעריע, וועלכע גיט די מעגליכקייט די זוכי בגורל צו געניסען פון אַ בחנם'דיגער רייזע קיין ארץ־ישראל, אהין און צוריק מיט אַ 2־וואָכענטליכען אויפענטהאַלט אין לאַנד. די לאָטעריע איז לעגאַליזירט דורך דער הויפּט־דירעקציע פון דער מלוכה'שער לאָטעריע. די ערשטע ציהונג קומט פאָר דעם 20־טען מערץ אין דער אָנוועזענהייט פון פאָרשטעהער פון מלוכה־קאָנטראָל־אַמט. דער פּרייז פון אַ לאָס איז 5 זלאָטעס. די לאָטעריע־בילעטען קאָן מען בעקומען אויך אין דער היגער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע (שרודמייסקאַ 29) און אין פערשידענע פּונקטען אין דער שטאָדט.

היינט סימפאָנישער קאָנצערט

היינט, זונטאָג, 3.30 נאָכמיטאָג קומט פאָר אין פילהאַרמאָניע־זאַל אַ גרויסער סימפאָנישער נאָכמיטאָג־קאָנצערט פון לאָדזער פילהאַרמאָנישען אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון בעקאַנטען דיריגענט ה' איגנאַצי נוימאַרק.

אַלס סאָליסט אויפ'ן היינטיגען נאָכמיטאָג־קאָנצערט טרעט אַרויס דער בעריהמטער וויאָלאָנטשעליסט באָלעסלאַוו גינזבורג.

אין פּראָגראַם פון היינטיגען נאָכמיטאָג־קאָנצערט וועט אויסגעפיהרט ווערען טשאַיקאָווסקי'ס 5־טע סימפאָניע, גריינגער'ס „אירלענדישע לידער" ווי אויך „דאָרפישע טענץ" צום ערשטען מאָל געשפּילט אין לאָדז.

פון „אררט"

היינט 2 פאָרשטעלונגען פון דעם נייעם גאַלאַ־פּראָגראַם

די פאָרשטעלונג פון דעם יובל־פּראָגראַם א. נ. „שמחות ביי יודען" איז די ערשטע פאָרשטעלונגען פרייטאָג און שבת אַדורך ביי אָנשלאָגען.

די איבערגעפולטע זאַלען נעהמען אויף שטורמיש די טריומף־פאָרשטעלונג פונ'ם „אררט".

די יום־טוב'דיגקייט פונ'ם פּראָגראַם איז אונטערגעשטראָכען אין יעדען פּרט: עס איז אַ ליכטיגער קאַרעראַד פון געזאַנג, הומאָר, פאַרב און שפּיל.

דער רעגענבויגען פון פרייד גיט זיך תיכף איבער אין דעם טעאַטער־זאַל, וועלכער הילכט פאַר די שטורמישע פרייד־אַפּלאָדיסמענטען.

אַזא הערליכקייט און גאַנצקייט, אַזא בינטקייט און פריילעכקייט האָט נאָך דער לאָדזער יודישער טעאַטער־בעזוכער נישט געהאַט די געלעגענהייט בייצוּוואוינען!

היינט ווערט געשפּילט 2 מאָל: 7.45 און 10 אין אָוונד.

ראַדיאָ־פּראָגראַם

זונטאָג, דעם 21 פעברואַר 1932

10,00 גאָטעס־דינסט. 11.58 צייט־סיגנאַל
12,15 קאָנצערט. 3,00 לייכטע מוזיק. 3,55 פּראָגראַם פאַר קינדער. 4,20 גראַמאָפאָן. 4,40 פאָרלעזונג. 4,55 גראַמאָפאָן. 5 15 פאָרלעזונג.
5.30 נוצליכע ידיעות. 5,45 קאָנצערט. 7,00 פערשידענעס. 7.20 ספּאָרט. 7,30 רעפּערטואַר.
8,15 קאָנצערט. 9.45 ליטעראַרישע פּע־טעל שעה.
10,05 קאָנצערט פון לאָנדאָן. 11,30 קאָמוניקאַטען. 11,45 לייכטע און טאַנץ־מוזיק.

מעלדונג

פאָלקס־אוניווערזיטעט ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאָדז

היינט, זונטאָג, 21 פעברואַר. 8.30 אָוונט אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, שרודמייסקאַ 29 רעציטאַציע־אָוונד פון ארץ־ישראל דיכטער י. פאַפּערניקאָוו. אין פּראָגראַם: לירישע א"י־מאָטיוון פון די ווערק: „אין זונגיגען לאַנד", „גאָלדענע זאַמדען". ווי אויך נייע נאָך נישט פערעפענטליכטע שאַפונגען.

די נאָהנטסטע פאָרלעזונג: דינסטאָג, ד. 23 פעברואַר. — ד"ר ה' לייכטער: „שטודירען פאַלגען פון פערנאַכלעסיגטע ציינער".
1129

צו גאַסט ביי עמיל יאַנינגס

דער גענִיאַלער דייטשער פילם־שוישפּילער וועגן יודען און יודישער קונסט

די סענסאַציע פון טאָג אין ווין איז — דער אָפּגאָט פון פילם — דער אונפערגלייכליכער עמיל יאַנינגס. ווייט אַ חודש צייט טרעט אויף יאַנינגס אין ווינער „דייטשען פאָלקס־טעאַטער", קרעאירענדיג די הויפּט־ראָלע פון גערהאַרט הויפּטמאַנס „פורמאַן הענשעל" און אין 4 ווינער „אופא"־קינאָס ווערט דעמאָנסטרירט אַ נייער פילם מיט יאַנינגסען אין דער הויפּט־ראָלע א. נ. „אין שטורם פון לידענשאַפט". די ווינער האָבען זעהר ליב די קינסטלער און נישט איינמאָל פעיבערענדיג שפּעט אין אָוונד נעבען די הערליכע געביידעס פון די ווינער טעאַטערס. אָדער דער אָפּערא, קען מען בעמערקען גרויסע גרופּען פון מענשען, וואָס וואַרטען אָפּ די שוישפּילער, כדי צו קריגען אַן אויטאָגראַף פון אַ בעריהמטען קינסטלער. צו עמיל יאַנינגסען ווייזען אָבער די ווינער אַרויס דאָסמאָל אַן אויסערגעוועהנליכע ליבע און זיין נאָמען געהט ממש נישט אַראָפּ פון די ליפּען פון די זיסע ווינערינס, און פון די לוסטיגע ווינער. נישט נאָר דער עולם בעגייסטערט זיך מיט יאַנינגסען, נאָר אויך די פּראָמינענטסטע שריפטשטעלער און זשורנאַליסטען קענען זיך נישט אָפּלויבען פון יאַנינגס שפּילען און פון זיין גרויסער פערזענליכקייט. דעריבער איז נישט קיין וואונדער, וואָס די ווינער פעדער־לייט לאָקערן אַזוי אויף יאַנינגסען, כדי צו כאַפּען מיט איהם אַ שמועס. אָבער יאַנינגס איז דאָסמאָל איינגעשפּאַרט. ער וויכט פון די זשורנאַליסטען. נישט קוקענדיג אינטערוויואירען יאַנינגסען אַליין, דרוקען דערווייל די ווינער צייטונגען געשפּרעכען מיט יאַנינגס שאָפער, וואָס וואַרט אָפּ יעדען אָוונד זיין בעריהמטען בעל־הבית ביים טויער פון „דייטשען פאָלקס־טעאַטער", ווי אויך מיט יאַנינגס קעכין, וועלכע פאָהרט מיט מיט'ן קינסטלער און קאָכט איהם זיינע בעליבטע מאכלים. אַפּנים אָבער, אַז אַ זשורנאַליסט פון פּוילען איז ריהרעוודיגער פון זיינע פעך־קאָלעגען אין אויסלאַנד און בעגנוגענט זיך נישט מיט אַן אינטערוויו מיט יאַנינגס אַרומיגע יוצרי־משרתים, נאָר בעמיהט זיך טאַקע צו כאַפּען יאַנינגסען אַליין, כדי צו ברענגען פון איהם אַ גרוס פאַר זיינע פילע בעגייסטערטע פערעהרער אין פּוילען.

כ'מוז מודה־זיין, אַז נישט אַזוי לייכט איז עס מיר אָנגעקומען צו כאַפּען דעם „העכט" — יאַנינגס אויף דער אינטערוויו־„ווענדטקע". נאָך לאַנגע „סטראַטעגישע פּאָרקאָנפערענצען" מיט'ן פּאָרטיער פון פּראַכטפולען האָטעל „אימפּעריאַל", וואו יאַנינגס האָט געוואוינט און וועלכער האָט בעקומען אַ שטרענגען אָנזאָג פון יאַנינגסען קיינעם און בעזונדערס די זשורנאַליסטען־חברה נישט אַריינצולאָזען צו איהם, און נאָך עטליכע פערזענליכע אינטערווענצען ביי יאַנינגס גאָלד־לאָקיגער, וואונדער־שיינער 20־יעהריגער טאָכטער, רוט־מאַריאַ, וועלכע איז די פּריוואַטע סעקרעטאַרין פון איהר גרויסען פאָטער, ביי וועלכער כ'האָב אַפּנים געפונען לייטזעליגקייט און גנאָד און וועלכע האָט נישט געקענט צוזעהן דעם „צער" פון אַ יודישען זשורנאַליסט, וואָס גאַרט אַזוי צו רעדען מיט איהר גרויסען פאָטער, נאָך די אַלע ממש „דאַנטעאישע" און ממש „מסירת־נפש'דיגע" אָנשטרענגונגען איז מיר ענדליך געלונגען צו רעדען מיט יאַנינגסען אַליין און אויפגענומען צו ווערען דורך איהם אין זיינע הערליכע אַפּאַרטאַמענטען פון האָטעל „אימפּעריאַל". אין דער געזעלשאַפט פון זיין ליבער און שיינער פרוי, דער דייטשער שוישפּילערין גוסי האָל (אַגב יאַנינגס פירטע פרוי) און זיין בלאָנד־בע'חנ'טער טאָכטער רוט־מאַריאַ, וועלכע בעגלייטען איהם לעצטענס אויף זיינע טריאומף־רייזעס איבער גאָר דער וועלט, הויבט אָן יאַנינגס, וועלכער זעהט אויס פריש, געזונד און מונטער (אגב 108 קילא די וואָג,) צו דערצעהלען וועגען די אינטערעסאַנטסטע מאָמענטען פון זיין אַרטיסטישער קאַריערע.

זיין רוהם־רייך לעבען קלינגט ווי אַ סענסאַציאָנעלער סצענאַר פון אַ פאַסצינירענדען פילם. געבוירען איז יאַנינגס אין דער שווייץ ביי בעל־הבית'ישע עלטערען — דייטשען, וואָס האָבען יאָהרען לאַנג פערבראַכט אין אַמעריקא. אין פריה־פריה־מאָרגען פון זיין לעבען דערפיהלט ער אַ קאָלאָסאַלען דראַנג צום ים און צום טעאַטער. די פרידליכע שטוב־אַטמאָספערע פון זיין עלטערענס־הויז איז איהם צו ענג און צו 15 יאָהר אַנטלויפט ער פון דער היים. ער ווערט אַ הייצער און דערנאָך אַ קעלנער אויף דער שיף. אויך דאָס מאַטראָזען־לעבען בעפרידיגט איהם נישט און נאָך אַ יאָהר בלאָנדזשעניש אויף די ימים פערלאָזט ער די שיף און הויבט אָן אַרומצובלאָנקען איבער דייטשלאַנד, עסטרייך און טשעכאָ־סלאָוואַקיי מיט וואַנדער־טרופּעס, וואו ער שפּילט אַלס סטאַטיסט אונטער'ן פּסעוודאָנים באָומאַן. צו קיין פּאַסיגערע ראָלע דערלאָזט מען איהם אין די וואַנדער־טעאַטערס נישט און יאָהרען לאַנג שפּילט ער אין אַ פּיעסע, וואו זיין ראָלע בעשטעהט פון איין וואָרט „ביין".

פון אלי באַרוכין

זייענדיג פערביטערט אויף זיין אַקטיאָרען־גורל, האָט ער זיין גאַנצע שוישפּילערישע קראַפט אַריינגעלייגט אין דעם איין און איינציגען וואָרט „ביין", וועלכען ער פלעגט בעת די פאָרשטעלונגען אַרויסברילען מיט אַזא טעמפּעראַמענט און עקספּרעסיווער קראַפט, אַז מיט אַט דער קליינער ראָלע, וואָס איז בעשטאַנען סך־הכל פון איין וואָרט האָט ער געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון פּובליקום און פון דער קריטיק און האָט אָנגעהויבען צו שטייגען און שטייגען ביז ער איז געוואָרען דער יאַנינגס, וועלכען מיר קענען פון זיינע צעהנדליגער מייסטערהאַפטע פילמען. אַזוי איז עס געגאַנגען ביז'ן אויסברוך פון קריג.

אין 1915 פעראינטערעסירט זיך בעהנטער מיט יאַנינגסען מאַקס ריינהאַרט, וועלכער דערשנאַפּט אין איהם אַ ריזען־טאַלענט און ווייזט איהם אויף אָן דעם קינסטלערישען וועג, אויף וועלכען ער זאָל שפּאַנען פאָרויס. מיטאַרבייטענדיג מיט ריינהאַרדטען, ליובישטשען, ריכאַרד אָסוואַלדען, שטערנבערגען און פיל אַנדערע פּראָמינענטע רעזשיסערען איז יאַנינגס געוואַקסען און געגאַנגען פון שטופע צו שטופע, אויסוואַקסענדיג צום אָפּגאָט פון דער פילם־קונסט. „כ'בין גליקליך, ציהט יאַנינגס ווייטער דעם שמועס, צו דערמאָהנען זיך היינט צו טאָג אין דעם לאַנגען שווערען דערנער־וועג, וואָס כ'האָב דורכגעמאַכט, ביז כ'בין געוואָרען דער אָנערקענטער קינסטלער. כ'ווידמע זיך לעצטענס מעהרער דער ביהנע, ווייל אין טעאַטער פיהל איך זיך בעסער ווי אין פילם. אין טעאַטער הער איך דעם



עמיל יאַנינגס

פּולס פון פּובליקום, איך פיהל דעם ריטם פון טעאַטער־זאַל, איך זעה דעם פייער פון בעגייסטערונג ביים עולם מיט וועלכען מ'נעהמט אויף אַ פּראָמינענטען שוישפּילער. דאָס אַלץ פיהלט נישט דער קינסטלער, בעת מען דרעהט אַ פילם. מיין אויפטריט אין הויפּטמאַנס „פורמאַן הענשעל" איז אַ ווייטערער שטאַפּ אין מיין סצענישער קאַריערע. מיט עטליכע יאָהר צוריק בין איך אויפגעטרעטען אין מירבאָס פּיעסע „געשעפט איז געשעפט", וואו כ'האָב געשפּילט די ראָלע פון אַ מלחמה־שפּעקולאַנט מיט גרויסען ערפאָלג. אין דער נאָהענטסטער צייט האָב איך בדעה אויפצוטרעטען אין הויפּטמאַנס שטיק: „פאַר'ן זונען־אונטערגאַנג", אין צוקערמיירס פּיעסע „עדוואַרד דער זיבעטער", אין געטעס „געץ פאָן בערליכינגען" און אין אַנדערע טעאַטראַלע ווערק. אין פעברואַר טרעט איך אויף אין דער בערלינער „פאָלקס־ביהנע" אין הויפּטמאַנס „פורמאַן הענשעל" פון דאָרטען מאַך איך אַ טורנע איבער רומעניען, טשעכאָ־סלאָוואַקיי און ווען די צייט וועט מיר ערלויבען וועל איך אויך בעזוכען פּוילען.

— צי האָט איהר, גרויסער מייסטער, געשפּילט מיט פּוילישע שוישפּילער און צי האָט איהר געהערט מעהרערעס וועגען פּוילען, פרעג איך דיסקרעט דעם קינסטלער.

— וועגען פּוילען, — ענטפערט גוטמוטיג יאַנינגס — האָט מיר פיל דערצעהלט פּאָלא נעגרי, מיט וועלכער כ'האָב פיל מאָל געשפּילט צוזאַמען. אויך שיענקיעוויטשעס ווערק „קוואָ־וואַדיס", האָב איך געלייענט, שפּילענדיג די ראָל פון נעראָן אין אַ פילם, וואָס איז בעאַרבייט געוואָרען לויט שיענקיעוויטשעס ראָמאַן.

אויך וועגען די פּוילישע פרויען האָב איך פיל געהערט, זיי דאַרפען זיין שיינע, רייצענדע און גאַסטפריינדליכע, גיט צו מיט אַ שמייכעל מיין אינטערלאָקוטאָר, וואָס אַנבעלאַנגט זיינע נייע פילם־פּלענער, בעמערקט יאַנינגס, אַז דערווייל איז ער אַבסאָרבירט מיט'ן טעאַטער און קיין נייע פילמען דרעהט ער לעת־עתה נישט. רעפּרעזענטירענדיג די יודישע צייטונג „נייער פאָלקסבלאַט", ערקלער איך מיין ליבען אינטערלאָקוטאָר, וואָלט איך זייער נייגעריג געווען צו הערען זיין מיינונג וועגען יודען און יודישער קונסט. יאַנינגס פערטראַכט זיך אַ ווילע, שטראַהלט אויף און זאָגט:

— אַלס קינסטלער אנערקען איך נישט קיין שום ראַסען־אונטערשיד. כ'האָב ליב דעם יוד, ווי דעם קריסט. מיט יודען בין איך שטאַרק בעפריינדעט. פיל פון מיינע פריינד, סיי אין אייראָפּא און סיי אין אַמעריקא רעקרוטירען זיך פון יודען, וועלכע כ'פערדאַנק נישט איין טריאומף אין מיין רוהמרייכער קאַריערע. כ'האָב ליב די יודען, כ'שעץ זייער בעגייסטערונג פאַר דער ריינער קונסט און כ'ווייטאָג אויפריכטיג, ווען מען פערפאָלגט זיי. כ'קען אַפילו רעדען אַביסעל יודיש און כ'מוז מודה זיין, אַז די דאָזיגע שפּראַך, אויף וועלכער עס רעדען מיליאָנען יודען געפעלט מיר זעהר. כ'האָב אויך פיל פריינד שריפטשטעלער יודען, ווי שלום אַש, אָסיפּ דימאָוו, אַרנאָלד צווייג, יאַקאָב וואַסערמאַן און צעהנדליגער אַנדערע יודישע קינסטלער. כ'שטעל מיר זיך נישט פאָר די אַלוועלטליכע ציוויליזאַציע און קולטור, ווען מ'זאָל אויסשאַלטען דעם יודישען געניוס, די יודישע שעפערישע קראַפט — רופט אויס בעגייסטערט יאַנינגס. מיין לעבענס־ציל איז צו שפּילען שעקספּירס „שיילאָק", איך האַלט, אַז אַ קינסטלער אַן אַריער קען בעסער און פולקאָמענער שפּילען אַט די דאָזיגע שווערע ראָלע. דאָס דאָזיגע שטיק שטודיר איך שוין לאַנג און כ'וועל זי אויך אויפפיהרען אין דער נאָהענטסטער צוקונפט. אין מיין וואָגלעריש קינסטלער־אַרבייט, בעמערקט יאַנינגס בין איך עהנליך צום יודען, כ'בין אויך אייביגער וואַנדערער. מיין היים זענען די האָטעלען פון גאָר דער וועלט. דאָרט אַרבייט איך און דאָרט שפּין איך מיינע קינסטלערישע חלומות. בלויז זומער־צייט כאַפּ איך זיך אַריבער אין מיין שטילער ווילע אין סאַנקט וואָלפגאַנג, וואו אין דער סביבה פון מיין געשעצטער פרוי און יונגער טאָכטער בין איך ענדליך איך אַליין און נישט דער מענש פון צעהנדליגער געזיכטער און כאַראַקטערען.

דעם ערהאַבענסטען און איינדרוקספולסטען מאָמענט אין מיין לעבען האָב איך איבערגעלעבט זומער־צייט 1930 אין אַ קליין שטעטעלע אין טשעכיען, אין הירדאַ, וואו די שטאָט־פערוואַלטונג האָט בעשלאָסען איינצומויערן אַ געדענק־טאָוועל אין דעם דאָרטיגען גאַסט־הויז, וואו כ'האָב מיט 30 יאָהר צוריק, אַלס אָנפאַנגער־אַקטיאָר געשפּילט טעאַטער. טרערען פון פרייד האָבען זיך מיר געשטעלט אין די אויגען, ווען מ'האָט ענטהילט דעם געדענק־טאָוועל מיט'ן אויפשריפט:

„אין דעם הויז „צום גאָלדענעם לאם" האָט עמיל יאַנינגס אין יאָהר 1901 אָנגעהויבען זיין קינסטלערישע טעטיגקייט".

מיין גאַנצע יוגענד האָט אויפגעטויכט אין זכרון, ס'האָט זיך מיר דערמאָהנט מיין ערשטער טעאַטער־דעביוט אין אַט דעם שטעטעלע הירדאַ, וואו כ'האָב אַ הונגעריגער און ענטוישטער נאָך אַ פלאַש ווין פערזעצט מיין פאַלטען ביים אייגענטימער פון גאַסט־הויז און כ'בין דאַנקבאַר געווען די גוטע בירגער פון דעם דאָזיגען פערוואָרלאָזטען וואינקעל, וואָס האָבען אָן מיר נישט פערגעסען און מיך אַזוי ליבענסווירדיג איצט בעעהרט. מיין קינסטלערישע אַרבייט האָט מיך איבערצייגט, אַז עס זענען נאָך דאָ מענשען מיט אָפענע פילענדע הערצער, וואָס גאַרען און לעכצען נאָך קונסט און דאָס גיט מיר מוט ווייטער צו שפּינען און צו קייטלען די גאָלדענע קייט פון דער קונסט, דער ריינער, הערליכער קונסט! — פערענדיגט אונזער געשפּרעך מיין פריינדליכער אינטערלאָקוטאָר, דער גענִיאַלער פילם־צויבערער עמיל יאַנינגס.

Dr. med. STUPEL
Ordynator-Roentgenolog Szpitala Miejskiego
האָט בענייט די אויפנאַהמען און רענטגענאָלאָגיע
אין דער לעטשניצע זגערזשער 17 פון 12—6 נאָכמ.
זונטאָג פון 12 — 2 מיטאָג.
אין ווענערישע קראַנקהייטען און דער היים אויף
מיעלטשאַרסקיעגאָ 12 (פּעטעלגאַ) טעל. 118-28
פון 7—9 אָוונט, זונטאָג פון 4—6 נאָכמ.
אונטערזוכונגען און אַרבייטסטאָפּע בעראַטונגען אין דער היים מיטוואָך און זונטאָג בחנם.

ALGEMEENE KUNSTJIDE UNIE N. V. ARNHEIM
(Enka)
poleca sztuczny jedwab normalny i cienkoprzędny z połyskiem i matowy oraz krepę
Przedstawiciel na Polskę: JEKABS JAKOBSONS, Łódź, Piotrkowska 271
Tel. Nr. 128-92
1126

מיר לאדען איין אלע צו דער
„ווייסער וואך"
וואס ווערט איינגעארדענט לויט'ן אויסלענדישען מוסטער, בעת וועלכער יעדער קען זיך פערזעהען מיט לייוועגד און וועש צו זעהר נידריגע פרייזען

KONSUM
PRZY „WIDZEWSKIEJ MANUFAKTURZE" S.A.
ROKICIŃSKA 54. Dojazd Tramwajami 10 i 16

1127

קלאנג-קינא-טעאטער
ZACHĘTA
26 זגערזשער 26
היינט און פאלגענדע טעג!
פרעכטיגע ליבעס-פאעמע! גרעסטער פילם-שלאגער!
רעזשי פון דעם בעוואוסטען ערנסט לוביטש
„מאנטע קארלא"
אין דער הויפטראלע דער שענסטער עקראן-שטערן
Janet Mc. Donald
נעכסטער פראגראם:
„דער זינגער פון די בערג"
דער זאל איז גוט בעהייצט.
אנהויב אין וואָך. טעג 4 נאכמ. שבת, זונטאג 12 בייטאג.

מוזיק-לעהרער
ערטיילט לעקציעס פידעל, מאנדאלין לויט די נייעסטע מעטאָדען 1087
קילינסקי 67 וו. 24
טעל. 22784.
אויפ'ן פערלאנג קום איך צום שילער

Doktór
Łagunowski
Piotrkowska 70
i róg Traugutta
Tel. 181-83.
choróby skórne, weneryczne i moczopłciowe
(Naświetlania promieniami Roentgena)
Przyjmuje od 8[30] do 9½ rano, od 1-ej do 2[30] pp. od 6 do 8[30] w., w niedzielę i święta od 10 r. do 1-ej p. p.

ויכערע הילף און א רפואה
אהן א אפעראציע, אן בלוט, אהן א מעסער און אהן בלוט-פערגיפטונג פאר קראנקע אויף קילעס פאר מענער ווייבער און קינדער. פערשידענע קאליקעס איז גוף פאר הויקערס און פיס

פערלאזט אייך נישט, וויל דער ווינקעלבראך ווערט גרויס אזוי ווי א מענשען-קאפ, אדער אזוי ווי א וואסער-קאן און עס פאלט אריין אין דעם בוס און דער קראנקער איז אין א גרויסער סכנה דורך פערדרייען די קישקעס ווערט ער בראנדיג און שטערבליך. ספעציעלע גומענע הייל-באנדאזשען אויסגעצייכענט נאך דורך גרויסע פראפעסאר'ען מיט מיינע בעהאנדלונג און פון דייטשען פראפעסאר דאקטאר פראכורטאווינג בעזונדערן זיכער דעם א ווערסטען און געפעהרליכסטע ברוך. אויך פאר הויקערס לייטונגען מיט הייל-גארטען און אפאראטען פאר פערקרומטע פיס און פלאט-פוס ספעציעלע איינלאגען אין די שיך. קינסטליכע גומענע פיס און הענד, גומענע זאקען, פאר די גרעסטע קראנקע אדערן. עמפפאנגט פון 9 ביז 1 בייטאג און פון 3 ביז 7 אין אווענד

ארטאפעדישע אנשטאלט
Specialist J. RAPAPORT, Ortoped
von Lemberg Łódź, WOLCZANSKA 10,
tel. 221-77, front, parter.

בעמערקונג: דאס פערזענליכע ערשיינען פון די קראנקע איז אונבעדינגט נויטיג. דיפלאמען האבען אויסגעשטעלט פאלגענדע אוניווערזיטעטס-פראפעסארען: פראפ. ד"ר באראנטש, פראפ. דר. י. מארישלער, פראפ. ד"ר בר. קיעלאנאווסקי און אוו' אנדערע.
מיר נעהמען אויך אן פערזיכערטע פון דער קראנקען-קאסע.

דאנקזאגונג.
ווייל א סך יאהרען האב איך געליטען אויף ברוך און אלע ברוך-באנדען וועלכע איך האב געטראגען האבען מיר נישט געהאלפען. כ'בין געקומען צום גרויסען ספעציאליסט ה' דיר. י. ראפאפארט, וואוינהאפט אין לאדז, וואלטשאנסקא 10, און דער ברוך איז מיט זיין באנדאזש אינגאנצען אויסקורירט. צוליב וואס איך דריק אויס מיין הערצליכסטען דאנק.
ל. סאלמאנאוויטש, אלעקסאנדראווסקא 29.

Dr. med. NIEWIAŻSKI
ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקהייטען, בעהאנדלונג פון מענער-שוואכע
אנדזשעיא 5, טעל. 159-40
נעמט אן פון 8–11 און פון 5–9 אוו.
זונטאג און יום-טוב פון 9–1 פארמ.
בעזונדערע ווארטע-זאל פאר פרויען.

טויד- און קארט-לאגער
Sz. Maroko
לאדז, באוואמיעסקא 2,
פראנט, 1-טער שטאק, טעל: 159 43
עמפפיעהלט צום פריהלינג- און זומער-סעזאן א גרויסען אויסוואהל פון די נייעסטע און בעסטע דאמען- און הערען-שטאפען.
627 פאר שניידער – ספעציעלער ראבאט.

Dr. med. **Haltrecht**
ספעצ.-ארצט פאר הויט און געשלעכטס-קראנקהייטען
נעהמט אן פון 8–9.30 פריה, פון 12.30–1.30 נאכמ. און פון 5 ביז 9 אוו. זונטאג פון 9 ביז 1 בייטאג.
פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21
פאר אונבעמיטעלטע – לעטשניצע-פרייזען.
דאמען בעזונדער ווארטע-זאל.

Dr. med. **M. Lerner**
ספעציאליסט פאר קינדער-קראנקהייטען
זאכאדניא 64, טעל. 113-09
131 נעמט אן פון 3 – 5 נאכמ.

בעמיש-באקטעריאלאגישע לאבאראטאריע
פון מאגיסטער
נ. שאץ
פיעטריקאווער 37
פראנט, 2 שטאק.
אנאליזען פון קאל, אורין רייכעך און אנד.
מעסיגע פרייזען.

וויכטיגע בעקאנטמאכונג פאר שניידער-מייסטער און געזעלן
דער בעוואוסטער צושניידער-לעהרער א. אורמאן מאכט בעקאנט, אז פון זונטאג דעם 21 ד. ח. ווערט דער לאקאל פון דער יודישער האנדווערקער-צענטראלע זשעלאזנא 10a זיין אפען פאר שילער צו איינשרייבען און צו לערנען צושניידען יעדען טאג פון 9 אזייגער פריה ביז 1 מיטאג און פון 3 נאכמיטאג ביז 10 אווענד. כדי נישט צו פערשפעטיגען דעם 4-וואכעדיגען צושניידער-קורס ווערען געבעטען די שילער, וועלכע האבען זיך איינגעשריבען און וועלכע ווילען זיך איינשרייבען, אז זיי זאלען זונטאג דעם 21 פעברואר ד. י. צוטרעטען צו די לעקציעס. דער לעצטער טערמין איינצושרייבען זיך צו דעם יעצטיגען צושניידער-קורס פון הערען און דאמען-בעקליידונג איז נאר ביז דינסטאג, ד. 23 פעברואר ד. י. און ווערט זיך ענדיגען דעם 23 מערץ, די שילער וועלען אויך קענען געשטעלט ווערען צום עקזאמען פאר א פאך-קאמיסיע פון יודישען שניידער צעך. נאכ'ן עקזאמען וועלען די שילער בעקומען דיפלאמען. פראספעקטען ווערט ארויסגעגעבען אומזיסט.

קליינע אנאנסען
פרייז פון אנ'אנאנס ביז 15 ווערטער נור 1 זל.

א טאמבורירער-געהילף ווערט געזוכט. צו ערפאהרען אין אדמיניסטר. פון דער צייטונג. 1132

פערשידענעס
איך קויף געניצטע גראמאפאן-פליטען, אין פאפיר-געוועלב זשעלאזנא 47, בארנשטיין. 1102

איך טויש אויס אויסגעבערנטע זשאריבקעס אויף נייע. געגען א קליינעם צוצאהלען, אין פאפיר-געוועלב זשעלאזנא 47, בארנשטיין. 1103

איך וויל אננעהמען ארבייט אויף האנד-זאקען-מאשינען 156 ער צו ביליגע פרייזען. צו ערפאהרען יעראזאלימסקי 5, וו. 2. 1114

א מאנגעל זוך איך צו קויפען, ס'קען זיין אנ'עלעקטרישע. צו ערפאהרען פולנאצנא 14. 1116

מעבעל פון אנ'עס-צימער און שלאפצימער ווי אויך פערשידענע שטוב-זאכען ביליג צו פערקויפען. ציגעלגאס 15, וו. 10. 1129

פארטיע גוש-העבודה איינשרייבונגען אויפ'ן 3-חדשים'דיגען קורס פון העברעאיש, ענגליש, פראנצויזיש, דייטש און קארעספאנדענץ, געפיהרט דורכ'ן בעקאנטען פעדאגאג י. מ. וואגנער. פאר אנפאנגער און פארגעשריטענע ווערען אנגענומען יעדען אווענד, פילסודסקיעגא 70-68 (שולע זיעלאנקא) אבעצאהל נאר 1 50 א וואך

לאקאלען
א פראנט-לאקאל, 1-טער שטאק פון 5 פענסטער, צענטרום שטאט, זאפארט איבערצוגעבען. צו ערפאהרען פיעטריקאווער 21, ביי גינזבורג. 1059

א גאלדזענער האנדעלס-פונקט. אהן אפטרעטגעלד אבצוגעבען פון 1-טען מערץ, גרויסער לאגער ווי אויך א געוועלב. צו ערפאהרען ביים ווירט קאשטשעלנא 3. 1120

צו פערמיטען 1 צימער מיט קראפט און קאנצעסיע, צו פערקויפען ½ פ. מאטאר „בערגמאן". צו ערפאהרען 11 ליסטאפאד 11, וואהנ. 6.

עס איז נויטיג
א קוואליפיצירטער מ...-צושניידער זוכט א פאסטען אין א קאנפעקציע-געשעפט. צו ערפאהרען 11. ליסטאפאד 13, וו. 45. 1119

א שטיקערין, ס'קען זיין נישט קיין קוואליפיצירטע. קען בעקומען שטענדיגע ארבייט. קילינסקיעגא 23, פראנט, 1. שטאק, קאפלאן. 1122

א פארדע-טשנע און א לערן-מיידעל צו דאמען-וועש קענען זיך מעלדען ציגעל-גאס 4, וו. 12. 1123

יעדער איינציגער
מעבעל
האט זיך איבערצייגט, אז פאר דיוואנעס, פעלצען, נייה-מאשינען, גארדעראבען א.ז.וו. צאהלט די העכסטע פרייזען
א. ווייצמאן שענקעוויטש 23
טעלעפאן 191-00.
ביי מיר איז שטענדיג פערשידען געניצטע מעבעל אין גוטען צושטאנד צו פערקויפען.

— דורך —
עברי 3 חדשים
פון א-ב ביז עברי און דאווענען דורך 3 חדשים ווערט געלערנט מיט קינדער פון 4 יאהר אן דורך מלמדים-ספעציאליסטען אין דעם בעוואוסטען רעליגיעזען
גן-ילדים פרעבעל-שולע
ביים בית-ספר „תורה-ודת"
פל. וואלנאשטשי 6 (נייע שטאט)
קינדער פון 4 ביז 8 יאהר ווערען אהיימגעפיהרט דורך א ספעציעלען מענש.
איינשרייבונגען ווערען אנגענומען פון 11–1 מיטאג.

„SANATO"
כירורגיש-וועכנעריז-אנשטאלט
אגראראווא 10, טעל. 213-57
1-טע און 2-טע קלאס
גינעקאלאגיש-וועכנעריז-אבטיילונג
ד"ר מעד. ש. אייגער, ד"ר מעד. י. בוים, ד"ר מעד. רייטלער-סוריאנסקא ד"ר מעד. וו. אייכנער
פרייז פון א געבורט
אין 2-טען קלאס צוזאמען מיט פערהיטונגס-מיטלען
200 זל.
אויפזיכט איבערן קינד ד"ר מעד. י. פאלאאקוו
כירורגישע אפטיילונגפון ד"ר מעד. מ. פאנטאר.

DR. MED. **J. LUBICZ**
כירורג-ארטאפעד
פאלודביאווא 9, טעל. 183-17
קראנקהייטען פון די ביינער, געלענקען, פערקרימונגען פון די פלייצעס און גלידער
איינענע פראצאוניע פון זעמטליכע ארטאפעדישע אפאראטען וו: הקלארקעס אויף פלאטפוסען, קינסטליכע הענד און פיס, גארסעטען א. ז. וו.
נעהמט אן פון 2.30 ביז 4.30 נאכמיטאג.

אבאנעמענטס-פרייז: אין לאדז – 5 זל. א חודש מיט צושטעלען א היים; אויף דער פראווינץ 6 זל. א חודש; אין אויסלאנד – 8 זל.
פאר'ן אינהאלט אין טערמינען די אנאנסען איז דער פערלאג נישט פעראנטווארטליך. די אדמיניסטראציע איז אפען בייטאג און ביינאכט.

אנאנסען-פרייז: פאר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאג און ערב יו"ט—24 גר. אין דער זייט 8 שפאלטען
אין טעקסט—40 „ „ „ „ —60 „ „ „ „ 4 „
נאכ'ן טעקסט—12 „ „ „ „ —18 „ „ „ „ 8 „
פאר א מילימעטער-שורה: ליניער דער שפאלט 50 פראצ. טייערער. אויסל. 100 פראצ. טייערער. מעלדונגען—10 גר. א ווארט

Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Zilberberg. Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat". Piotrkowska 21.